בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

ספר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוְון פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
און פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַּארְ'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

**אִידִישׁ**

**תשפ"ז**

411

## לשליחת מכתבים ושאלות
## אל הראש ישיבה שליט"א

**בדואר:**

MECHON ATZUSOI EMINU
PO BOX: 646
LIBERTY, NY 12754-9998

**או דרך:**

HTTPS://BRESLEVCENTER.COM/ANSWERS

**להרשמה לקבלת המכתב היומי במייל:**

CHIZIKYOMI@RABBIROTH.ORG

## להשתתפות וליטול חלק

בקונטרסים השבועיים או בשאר ספרי
המכון, המאירים את בתיהם
של אלפי יהודים

התקשרו אל הגבאי
מוה"ר **משה גראס** שליט"א
053-316-3399

בארה"ב ניתן להתקשר אל הגבאי
מוה"ר **לייבי ראטה** הי"ו
347-578-4449

או שלחו מייל לכתובת
DONATE@KERENHADFUSA.ORG

מכון עצתו אמונה

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

רֶעדְן שַׁיין צוּ דִי וַוייבּ?..............................א

וָואס זֶענֶען דִי כַּוָּנוֹת בַּיים מִצְוָה טַאנְץ?..............................ב

זִיךְ שֶׁעמֶען מִיט הֲפָצָה? ..............................ד

פַאְרוָואס הָאט מִיר דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַאְרשֶׁעמְט?..............................ז

פַאְרוָואס אִיז מַיין וַוייבּ אַזוֹי שְׁלֶעכְט צוּ מִיר?..............................י

דַארְף אִיךְ מוֹרָא הָאבְּן צוּ רֶעדְן צוּ קִינְדֶער פוּן קְדוּשָׁה?..............................יב

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט יֶעדֶע פִּינְטֶעלֶע אִידִישְׁקֵייט ..............................א

אַרַיינְנֶעמֶען אַ יְתוֹמָה אִין שְׁטוּבּ..............................ג

מֶען דַארְף מִיךְ יָא, אָדֶער מֶען דַארְף מִיךְ נִישְׁט?..............................ד

אָנְקוּקְן דֶעם מַאן מִיט אַ לִיכְטִיגְקֵייט, וֶועט אַלֶעס וֶוערְן גוּט..............................ה

קֵיינְמָאל הָאבּ אִיךְ דָאס אֲפִילוּ נִישְׁט גֶעטְרַאכְט אוֹיף דִיר ..............................ו

נֶעמֶען דִי סְמַארְטְפָאוֹן אִין דִי קַאר אוֹיפְצוּטוּן? ..............................ז

וָואס טוּט זִיךְ פַארְדֶעם אוּן נָאכְדֶעם? ..............................ז

בִּזְיוֹנוֹת אִיז בַּיי אוּנְז קֶעשׁ ..............................ח

צוּגֵיין צוּם עָמוּד יוֹם כִּיפּוּר?..............................י

דִי שְׁוֶועריִקֵייט צוּ זַיין אַ גַבְּאַי אִין שׁוּל..............................י

אַ אִיד מוּז פְרֶעגְן שְׁאֵלוֹת ..............................יא

אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דָאס חֲתוּנָה מַאכְן בְּחִנָּם..............................יג

הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ זִיךְ פִּירְן ווִי דִי צְוֵויי צַדִיקִים..........................יד
דַאוֶוענֶען, לֶערְנֶען, אוּן שָׁלוֹם בַּיִת .......................... טו
דַאוֶוענֶען אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ נָאכְן סוֹף זְמַן תְּפִלָּה?.......................... טז
גְלֵייבּ בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז אַלֶעס אִיז לְטוֹבָה.......................... טז
זִיךְ אַרוֹיפְכַאפְּן טֶעגְלִיךְ בַּיים צִיוּן פוּן הֵיילִיגְן צַדִיק..........................יז
אַלְץ זַיין אִין אַ גוּטֶע גוּסְטֶע..........................יז
אִין שׁוּל טָאר מֶען נִישְׁט רֶעדְן..........................יח
שׁוֹין אַ גֶעהָאלְפֶענֶער..........................יח
דִי גָאלְדֶענֶע ווִינְטֶער נֶעכְט .......................... יט
טַעֲנוֹת אוֹיפְן מְנַהֵל, אָדֶער הַכָּרַת הַטוֹב?..........................כ
מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער נִישְׁט וֵוי צוּ טוּן קֵיין שׁוּם אִיד..........................כא
נָאךְ אַ שִׂיחָה, נָאךְ אַ דִיבּוּר, נָאךְ אַ וָוארְט, נָאךְ אַן אָטֶעם פוּן רֶבִּי'ן..........................כב
לֵייגְן אַ פִּילְטֶער אוֹיפְן טֶעלֶעפָאן אִיז נִישְׁט קֵיין פְרוּמֶע זַאךְ..........................כג
אֵיינֶער רוּפְט בֶּעטְן חִיזוּק, זָאלְט אִיר אִיר גֶעבְן חִיזוּק..........................כד
גֵיין נָאךְ גֶעלְט פַאר דִי יְשִׁיבָה..........................כה
דַיין וַוייבּ הָאט בִּי. פִּי. דִי?..........................כו
צוּזָאגְן טַייעֶרֶע מַתָּנוֹת פַאר מִשְׁנַיוֹת אוּן תְּהִלִים?..........................כז
אוֹיסְגֶעלָאשְׁן, אוֹיסְגֶעטְרִיקֶנְט, צוּלִיבּ דַיין נֵייעֶם חַבֵר..........................כז

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## רֶעדְן שֵׁיין צוּ דִי וַוייבּ?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ דַארְף חִיזּוּק אוֹיף צוּ רֶעדְן שֵׁיין צוּ מַיין וַוייבּ, אִיר צוּ גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער, אִיר אוֹיסְצוּהֶערְן, אוּן צוּ ווִיסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז וֶוען זִי וֵויינְט אִיז עֶס נִישְׁט עֶק וֶועלְט.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י״ב מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן וִוי אַזוֹי דוּ רֶעדְסְט צוּ דַיין וַוייבּ, זָאלְסְט רֶעדְן שֵׁיין צוּ אִיר, זָאלְסְט רֶעדְן וֵוייךְ צוּ אִיר, מִיט דִי גְרֶעסְטֶע כָּבוֹד אוּן דֶרֶךְ אֶרֶץ. מֶען קֶען זֶען אוֹיפְן מֶענְטְשׁ וִוי אַזוֹי עֶר רֶעדְט אִין שְׁטוּב צוּ זַיין וַוייבּ; דֶער וָואס רֶעדְט שֵׁיין מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ - דֶער אִיז אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

מוֹהֲרַ״ש הָאט אוּנְז שְׁטֶענְדִיג דֶערְמַאנְט מִיר זָאלְן נִישְׁט פַארְגֶעסְן וִוי מִיר הָאבְּן אוֹיסְגֶעקוּקְט אֵיידֶער מִיר הָאבְּן חֲתוּנָה גֶעהַאט, וִוי צֶעבְּרָאכְן מֶען אִיז גֶעוֶוען, וִוי מֶען הָאט שׁוֹין אוֹיפְגֶעגֶעבְּן אַז מֶען וֶועט נָאךְ אַמָאל חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן הָאבְּן אַ שְׁטוּבּ. מוֹהֲרַ״ש הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט מִיר זָאלְן יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי זָאגְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ דַאנְק אוּן אַ לוֹיבּ אוֹיף דֶעם וָואס מֶען הָאט אַ וַוייבּ, מֶען אִיז חֲתוּנָה גֶעהַאט.

דָאס אַז דַיין וַוייבּ וֵויינְט - דָאס אִיז בַּיי אַלֶעמֶען, דָאס אִיז דִי נַאטוּר, פְּרוֹיעֶן זֶענֶען מֶער גֶעפִילִישׁ, מֶער הַארְצִיג, וֵויינֶען זֵיי שְׁנֶעלֶער, דֶערִיבֶּער זָאגְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (בָּבָא מְצִיעָא נט.): "לְעוֹלָם יְהֵא אָדָם זָהִיר בְּאוֹנָאַת אִשְׁתּוֹ", מֶען זָאל זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְן נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען דִי וַוייבּ, "מִתּוֹךְ שֶׁדִּמְעָתָהּ מְצוּיָה", וַוייל אַ פְּרוֹי וֵויינְט גְרִינְגֶער אוּן שְׁנֶעלֶער.

מַאךְ זִיךְ שִׁיעוּרִים אִין חוּמָשׁ, מִשְׁנַיוֹת, גְּמָרָא, וְעוֹד. לֶערְן אוֹיפְן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (הַמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), אַז אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט זָאל מֶען וַוייטֶער לֶערְנֶען. הַלְוַאי זָאלְסְטוּ יֶעדְן טָאג גוֹרֵס זַיין אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, לֶערְן אִין שְׁטוּבּ אוֹיפְן קוֹל, לֶערְן מִיט אַ נִיגוּן, דַיין וַוייבּ וֶועט זִיךְ מְחַיֶּ' זַיין וֶוען זִי וֶועט דִיךְ זֶען לֶערְנֶען, אַז מֶען לֶערְנְט וֶוערְט מֶען אֵיידְל, מֶען רֶעדְט אֵיידְל אוּן מֶען הָאט אַ גוּטֶע שָׁלוֹם בַּיִת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וָואס זֶענֶען דִי כַּוָּנוֹת בַּיים מִצְוָה טַאנְץ?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

קוֹדֶם כָּל ווִיל אִיךְ וואוּנְטְשְׁן אַ מַזָּל טוֹב פַארְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַארְן נַיי גֶעבּוֹירֶענֶעם אִינְגֶעלֶע, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל זֶען אַסַאךְ אִידִישׁ נַחַת פוּן דֶעם קִינְד אוּן פוּן אַלֶע קִינְדֶער, צוּזַאמֶען מִיט דִי מִשְׁפָּחָה.

מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף מַאךְ אִיךְ חֲתוּנָה אַ טָאכְטֶער מָארְגְן בָּרוּךְ הַשֵּׁם, אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר קֶענֶען שְׁרַייבְּן וָואס אִיז דֶער עִנְיָן פוּן מִצְוָה טַאנְץ, אוּן וָואס מֶען דַארְף אִינְזִין הָאבְן בִּשְׁעַתְ'ן טַאנְצְן מִצְוָה טַאנְץ.

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים אוּן בְּרִיוו, אִיךְ וַוארְט שׁוֹין זֵייעֶר דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל קוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י"ג מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן**

**... נֵרוֹ יָאִיר**

עֶס אִיז דָא וָואס בַּיים טַאנְצְן מִצְוָה טַאנְץ זֶענֶען זֵיי מְכַוֵּון דִי שֵׁם שד"י, זֵיי טַאנְצְן אַהֶער אוּן אַהִין לוֹיט דִי פָּארֶעם פוּנֶעם אוֹת ש', נָאכְדֶעם אוֹת ד' אוּן אוֹת י', מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט אַזוֹי טַאנְצְן מִצְוָה טַאנְץ, אוֹיךְ אִיז דָא וָואס זֶענֶען מְכַוֵּון אַנְדֶערֶע שֵׁמוֹת.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דִי בִּיסְט זוֹכֶה חֲתוּנָה צוּ מַאכְן אַ קִינְד, דָאס אִיז דָאךְ דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ, אַז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ זֶען וִוי דִי קִינְדֶער הָאבְּן חֲתוּנָה אוּן גֵייעֶן אִין דִי תּוֹרָה וֶועג אוּן גֵייעֶן בְּרֶענְגֶען עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת. זָאלְסְטוּ בַּיים טַאנְצְן זִיךְ פְרֵייעֶן, טַאנְץ פְרֵיילִיךְ, מַאךְ נִישְׁט נָאךְ דִי אַלֶע וָואס וֵויינֶען בַּיים טַאנְצְן, טַאנְץ מִיט שִׂמְחָה, אַזוֹי וִוי בְּרֶסְלֶב'ע חֲסִידִים וָואס טַאנְצְן מִיט שִׂמְחָה. אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט (מְקוֹר הַשִּׂמְחָה, אוֹת פב), אַמָאל נָאכְן טַאנְצְן אִין אוּמַאן הָאט רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעזֶען עֶרְנְסְטֶע טַאנְצְן, אָבֶּער פְרֵיילִיכֶע טַאנְצְן הָאבּ אִיךְ נָאכְנִישְׁט גֶעזֶען"; עֶר הָאט זֵיי גֶעוָואלְט מְרַמֵּז זַיין אַז מֶען זָאל טַאנְצְן מִיט שִׂמְחָה, מִיט פְרֵיילִיכְקֵייט, נִישְׁט מִיט עֶרְנְסְטְקֵייט, וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט מֶען זָאל זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ, פַארְקֶערְט וִוי דִי וֶועלְט מֵיינְט, אַז וִוי מֶער עֶרְנְסְט אוּן וָואס מֶער מָרָה שְׁחוֹרָה - אִיז מֶען מֶער דֶערְהוֹיבְּן. אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא"ש בְּרֶענְגְט (שָׁם, אוֹת סו), אַז רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט זָאגְן: "דִי וֶועלְט מֵיינְט אַז צוּ זַיין אַ צַדִּיק דַארְף מֶען הָאבְּן ט' קַבִּין מָרָה שְׁחוֹרָה אוּן צוּ זַיין אַ ל"ו צַדִּיק דַארְף מֶען זֵיי אַ וַואסֶער טְרֶעגֶער, עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי, נָאר מֶען קֶען זַיין אַ פְרֵיילִיכֶער לֶעבֶּעדִיגֶער מֶענְטְשׁ אוּן זַיין אַ צַדִּיק, אוּן אוֹיךְ קֶען מֶען זַיין אַ בַּאלֶעבַּאטִישֶׁער אִיד אוּן אַן עוֹשֶׁר אַזוֹי וִוי ר' אַבְרָהָם בֶּערְנְיוּ (דֶעם רֶבִּינְ'ס אֵיינִיקֶל), אוּן זַיין דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זַיין אַ ל"ו צַדִּיק".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זיך שֶׁעמֶען מִיט הֲפָצָה?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם בַּאשְׁטֶעלְט פוּנֶעם בֵּית הַדְּפוּס אַבִּיסְל מֶער פוּן צְווֵיי הוּנְדֶערְט קוּנְטְרֵסִים, וֶוען עֶס קוּמְט אָן וֶועל אִיךְ אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם גֵיין יֶעדְן טָאג הֲפָצָה פַאר אַ שָׁעָה צְוֵויי, אִין אֵיין מָאל אַ וָואךְ וֶועל אִיךְ אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם שִׁיקְן פַארְן ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַ חֶשְׁבּוֹן וִויפִיל הֲפָצָה אִיךְ הָאבּ גֶעמַאכְט יֶענֶע וָואךְ.

ווי אַזוֹי זָאל אִיךְ גֵיין הֲפָצָה; קוֹדֶם בֶּעטְן צְדָקָה אָדֶער קוֹדֶם גֶעבְּן אַ סֵפֶר? אוּן וָואס זָאל אִיךְ טוּן מִיט דִי צְדָקָה גֶעלְט? אוּן זָאל אִיךְ נֶעמֶען אַ חֵלֶק פוּן דִי גֶעלְט פַאר מִיר? אוּן אוֹיבּ יָא, וִויפִיל?

אִיךְ זָאג יֶעדְן טָאג דִי תְּפִלָּה אוֹיף שִׂמְחָה וָואס דֶער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט מִיר גֶעשִׁיקְט [דֶער בְּרִיוו אִיז בַּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו], קֶען אִיךְ בֶּעטְן מִיר צוּ מַאכְן אוֹיךְ אַ תְּפִלָּה פַאר הֲפָצָה, אַז אִיךְ זָאל מַאכְן הֲפָצָה אוֹיךְ בַּיים הֵיימִישְׁן עוֹלָם, נִישְׁט נָאר בַּיי דִי נִישְׁט הֵיימִישֶׁע, אִין אַז אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י"ג מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בְּנוֹגֵעַ זִיךְ שֶׁעמֶען וְכוּ'; וִויסְן זָאלְסְטוּ, דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת נִיאוּף, סִימָן מא): "תִּיקוּן לְהוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה", אַ תִּיקוּן פַאר פְּגַם הַבְּרִית, "שֶׁיִּשְׁתַּדֵּל לְהַחְזִיר בְּנֵי אָדָם בִּתְשׁוּבָה", מֶען זָאל צוּרִיקְבְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מוֹהֲרְנַ"תּ שְׁרַייבְּט אָן אַ שִׁיעוּר מָאל אִין דִי בְּרִיוו אַז וֶוער עֶס וִויל פַארְעֶכְטְן זַיינֶע נִישְׁט גוּטֶע מַעֲשִׂים זָאל עוֹסֵק זַיין אִין פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת פַאר דִי וֶועלְט, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע תִּיקוּן, דָאס אִיז מְכַפֵּר אוֹיף אַלֶעס; דֶערִיבֶּער וָואס דַארְפְסְטוּ זִיךְ שֶׁעמֶען? אוּן פוּן וֶועם זָאלְסְטוּ זִיךְ שֶׁעמֶען? דֶער עִיקָר דַארְפְן מִיר טְרַאכְטְן וָואס צוּ טוּן מִיט דִי בּוּשׁוֹת אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט וֶוען מֶען וֶועט שְׁטֵיין פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, פַאר דִי

נְשָׁמוֹת פון די עֶלְטֶערְן, פון די פְרִיעֶרְדִיגֶע צַדִּיקִים; וָואס וֶועלְן מִיר עֶנְטְפֶערְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן? די בּוּשׁוֹת וֶועט זַיין זֵייעֶר שְׁרֶעקְלִיךְ. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (חֲגִיגָה ד:) וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֶלְעָזָר פְּלֶעגְט לֶערְנֶען די פַּרְשָׁה פון יוֹסֵף מִיט די שְׁבָטִים, וִוי די תּוֹרָה דֶערְצֵיילְט אַז וֶוען יוֹסֵף הָאט זִיךְ אַנְטְפְּלֶעקְט צוּ די שְׁבָטִים און גֶעזָאגְט "אֲנִי יוֹסֵף" - הָאבְּן זֵיי זִיךְ זֵייעֶר פַארְשֶׁעמְט, פְּלֶעגְט רֶבִּי אֶלְעָזָר וֵויינֶען און גֶעזָאגְט: "מַה-דָאךְ וֶוען אַ בָּשָׂר וָדָם הַאלְט פָאר, זָאגְט די תּוֹרָה זֵיי זֶענֶען שְׁרֶעקְלִיךְ פַארְשֶׁעמְט גֶעוָוארְן, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט וָואס צוּ זָאגְן, אִיז וָואס וֶועל אִיךְ טוּן וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מִיךְ פְרֶעגְן אוֹיף מַיינֶע מַעֲשִׂים, וָואס וֶועל אִיךְ דֶעמָאלְט טוּן...?"

בְּנוֹגֵעַ וִוי אַזוֹי צוּ גֶעבְּן די סְפָרִים וְכוּ'; קֶענְסְט טוּן וִוי אַזוֹי עֶס אִיז דִיר גְרִינְגֶער, און אַז עֶס אִיז דִיר בֵּיידֶע וֶועגְן שְׁוֶוער - זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן עֶרְשְׁט גֶעבְּן דֶעם סֵפֶר, און אַז יֶענֶער נֶעמְט עֶס - בֶּעט צְדָקָה, און אוֹיב יֶענֶער זָאגְט עֶר דַארְף נִישְׁט - זָאלְסְטוּ אוֹיךְ בֶּעטְן צְדָקָה. די גֶעלְט זָאלְסְטוּ צֶעטֵיילְן אִין הַאלְבּ, הַאלְבּ זָאלְסְטוּ גֶעבְּן פַאר צְדָקָה פַארְן דְרוּקְן די סְפָרִים פון הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, און הַאלְבּ קֶענְסְטוּ נֶעמֶען פַאר דִיר.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן וִוי אַזוֹי אִיךְ הָאבּ אוֹיסְגֶעזֶען אֵיידֶער אִיךְ הָאבּ גֶעפִינֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען וָואס די סְפָרִים הָאבְּן מִיט מִיר גֶעטוּן, וִוי דָאס הָאט מִיךְ גֶעבְּרֶענְגְט צוּ לֶערְנֶען, וִוי עֶס הָאט מִיךְ אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט מַיין מֹחַ אִיךְ זָאל טְרַאכְטְן פון דִיר און בֶּענְקֶען צוּ דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, און בִּפְרַט וָואס די סְפָרִים הָאבְּן מִיךְ גֶערַאטֶעוֶועט מַיין שָׁלוֹם בַּיִת און מַיין חִינוּךְ הַיְלָדִים, בֶּעט אִיךְ דִיר רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן, אִיךְ זָאל עוֹסֵק זַיין מַיין גַאנְץ לֶעבְּן אִין מֵפִיץ זַיין סִפְרֵי רַבֵּינוּ, צוּ גֶעבְּן די גוּטֶע לֶעבְּן וָואס דֶער רֶבִּי הָאט מִיר גֶעבְּרֶענְגְט - פַאר אַלֶעמֶען, אִיךְ זָאל גֵיין פַארְשְׁפְּרֵייטְן די זִיסֶע וַואסֶער פון רֶבִּי'ן, די עֵצוֹת פוּנֶעם נַ'חַל נ'וֹבֵעַ מְ'קוֹר חָ'כְמָה פַאר אַלֶעמֶען, און סְפֶּעצִיעֶל פַאר די עֶרְלִיכֶע אִידְן וָואס זוּכְן אַזוֹי שְׁטַארְק צוּ זַיין עֶרְלִיךְ, און עֶס גֵייט זֵיי נִישְׁט, זֵיי זֶענֶען

**פַארְבְּלָאנְזְשֶׁעט, קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וואוּ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֶעפִינְט זִיךְ, דֶער שְׁרֵייט דָא, דֶער שְׁרֵייט דָא, עֶס אִיז דָא אַזַא צֶעמִישֶׁענִישׁ אִין דִי וֶועלְט, פַאר זֵיי זָאל אִיךְ גֶעבְּן דִי סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן, דִי גוּטֶע עֶסְן פוּן דֶער בַּעַל תְּפִלָּה, אוּן זֵיי אַלֶע מְקָרֵב זַיין צוּ דִיר".**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

...

[דֶער בְּרִיוו צוּ וֶועלְכֶע דִי אוּיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע שְׁאֵלָה בַּאצִיט זִיךְ:

**פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ**
**אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אֶפְשָׁר קֶען מִיר דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מְחַזֵּק זַיין אוֹיף דֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין בַּיים רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה? אִיךְ הָאבּ אַזוֹי גֶעהָאפְּט אוּן גֶעדַאוֶונְט אוּן גֶעווֵיינְט אוֹיף דֶעם, אִיךְ בִּין אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ, י"א תִּשְׁרֵי, מָחֳרַת יוֹם הַכִּפּוּרִים, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**ווייל אִיז דִיר אַז דָאס אִיז דַיין גַאנְצֶע צַעַר, אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין בַּיים רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה; אַנְדֶערֶע הָאבְּן צַעַר פוּן נַארִישְׁקֵייטְן, אַנְדֶערֶע הָאבְּן בִּכְלָל נִישְׁט קֵיין ווילְן צוּ זַיין בַּיים רֶבִּי'ן; פוּן דֶעם אַלֵיין דַארְפְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן, אַז דוּ הָאסְט וֵוייטָאג פוּן דֶעם אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט גֶעקֶענְט אָנְקוּמֶען דִי יָאר צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.**

**מִיט דֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ. דֶער רֶבִּי זָאגְט דָאךְ** (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן סו)**, דֶער עִיקָר אִיז דִי ווילְן; ווִי מֶער מֶען גְלִיסְט אוּן מֶען וויל טוּן גוּטְס - אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ דֶעם,**

און דו קֶענְסְט זַיין זִיכֶער אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רֶעכְנְט דִיר דַיין ווִילְן, דַיין בֶּענְקְשַׁאפְט, דַיין גְלִיסְטֶענִישׁ - כְּאִילוּ דו הָאסְט דָאס גֶעטוּן, און חַס וְשָׁלוֹם טְרַאכְטְן שְׁלֶעכְט און זַיין דֶערְבִּיטֶערְט.

הֵייבּ שׁוֹין אָן מִיט תְּפִילּוֹת און גֶעבֶּעט פַאר קוּמֶענְדִיגֶע יָאר, דו זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אִין אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה. דַאוֶוען יֶעדְן טָאג אוֹיף דֶעם, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דו זָאלְסְט קֶענֶען צֶעבְּרֶעכְן דִי שְׁוֶוערֶע מְנִיעוֹת.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, זַיי זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, בֶּעט דִי תְּפִלָּה יֶעדְן טָאג: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ און אִיךְ זָאל שְׁפִּירְן דִי שִׂמְחָה אִין אַלֶע מַיינֶע אֵבָרִים, פוּן קָאפּ בִּיז פִּיס; בִּיז אִיךְ וֶועל זַיין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אַז אִיךְ וֶועל אָנְהוֹיבְּן טַאנְצְן פוּן גְרוֹיס פְרֵייד אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע חֶסֶד אַז דו הָאסְט מִיךְ בַּאשַׁאפְן אַ אִיד און מִיר גֶעגֶעבְּן דִי הֵיילִיגֶע מִצְוֹת.

אִיךְ בֶּעט דִיר הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף מִיר און נֶעם אַוֶועק פוּן מִיר דִי בִּיטֶערְקֵייט און פוֹילְקֵייט, אִיךְ זָאל נָאר זַיין פְרֵיילִיךְ און פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַנְדֶערֶע, און בִּזְכוּת שִׂמְחָה זָאל אִיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ נִכְלָל וֶוערְן אִינְגַאנְצְן אִין דִיר, אִיךְ זָאל מֶער נִישְׁט זֶען פַאר מַיינֶע אוֹיגְן נָאר דִיךְ בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ זָאל זֶען און שְׁפִּירְן ווִי דו בִּיסְט אַלֶעס און עֶס אִיז מֶער גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דִי וֶועלְט נָאר דו אַלֵיינְס, און זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה שְׁלֵימָה, מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם אָמֵן סֶלָה".

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

[...

## פַארְוָואס הָאט מִיר דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַארְשֶׁעמְט?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט אַ בְּרִיוו [דֶער בְּרִיוו אִיז בַּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו] וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א שְׁרַייבְּט זֵייעֶר שְׁטַארְק אַז מֶען טָאר נִישְׁט וֵויי טוּן אָדֶער

פַארְשֶׁעמֶען קֵיין שׁוּם אִיד אִין שׁוּל, אוּן עֶס אִיז דִי אַרְבֶּעט פוּן דִי גַבָּאִים אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן אוֹיף דֶעם.

דִי בְּרִיוו אִיז זֵייעֶר שֵׁיין אוּן אֱמֶת, אוּן אִיךְ בֶּעט אִיבֶּער דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַארְן פְרֶעגְן, אָבֶּער עֶס טוּט מִיר וֵויי צוּ זֶען וִוי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א שְׁרַייבְּט דָאס, אִין דִי צַייט וָואס פַאר אַ הַאלְבּ יָאר צוּרִיק בִּין אִיךְ גֶעזֶעסְן בַּיים רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיט מַיין ווייב, אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף מִיר קוֹלֵי קוֹלוֹת אִין פָארְנְט פוּן מַיין וַוייב, אוּן נָאךְ מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן זִיךְ דָארְט גֶעדְרֵייט.

אִיךְ פְרֶעג נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם צוּ טְשֶׁעפֶּען, עֶס טוּט מִיר נָאר בֶּאֱמֶת וֵויי, אִיךְ וֵוייס אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פִירְט זִיךְ מִיט אֱמֶת אוּן אוֹיפְרִיכְטִיגְקֵייט, אוּן אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט וִוי אַזוֹי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען שְׁרַייבְּן אַזוֹי שַׁארְף קֶעגְן וֵויי טוּן אוּן פַארְשֶׁעמֶען, אִין דִי צַייט וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט דָאס גֶעטוּן צוּ מִיר.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י"ד מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ וֶועל דִיר זָאגְן דֶעם אֱמֶת, בִּיסְט גֶעזִיצְן בַּיי מִיר אַפָּאר שָׁעָה מִיט דַיין וַוייבּ, אִין אָנְהֵייבּ הָאבּ אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְן, אִיךְ הָאבּ פְּרוּבִּירְט צוּ רֶעדְן מִיט שֵׁיינֶעם, אָבֶּער נָאכְן הֶערְן וִוי דוּ שִׁינְדְסְט אִיר הוֹיט, דִי וֶועג וִוי דוּ רֶעדְסְט צוּ אִיר, וִוי דוּ דֶערְנִידֶערְסְט אִיר - הָאבּ אִיךְ דָאס מֶער נִישְׁט גֶעקֶענְט נֶעמֶען אוּן דִיר גֶעזָאגְט וָואס אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעהַאט צוּ זָאגְן.

דִי וֶועג וִוי אַזוֹי דוּ הָאסְט גֶערֶעדְט צוּ דַיין וַוייבּ הָאבּ אִיךְ אִין מַיין לֶעבְּן נִישְׁט גֶעהֶערְט, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַסַאךְ גֶעזֶען, אָבֶּער דִי וֶועג וֶוען מֶען זִיצְט מִיט אַ דְרִיטְן אוּן מֶען ווִיל אוֹיסְאַרְבֶּעטְן שָׁלוֹם, מֶען ווִיל מַאכְן פְּשָׁרוֹת, אוּן דוּ שְׁטֶעכְסְט, אוּן רֶעדְסְט אַזוֹי גֶעמֵיין - דָאס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעזֶען.

שְׁפֶּעטֶער וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַז דוּ הָאסְט זִיךְ בַּאלֵיידִיגְט, הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט אַ שָׁאד דִי צַייט, אַ שָׁאד אִיךְ הָאבּ אַוֶועקְגֶעגֶעבְן אַזוֹיפִיל צַייט, מַיינֶע תַּלְמִידִים הָאבְּן גֶעוַוארְט אוֹיף מִיר אִיךְ זָאל מִיט זֵיי גֵיין אוֹיף אַ נְסִיעָה

צוּ מְקוֹמוֹת הַקְּדוֹשִׁים, דִי אֵיין מָאל אַ יָאר וָואס אִיךְ קוּם קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן דִי בָּחוּרִים פוּן יְשִׁיבָה וַוארְטְן צוּ זַיין אַבִּיסְל מִיט מִיר, הָאבּ אִיךְ דָאס אַוֶועק גֶעגֶעבְּן, אִיךְ הָאבּ אַלֶעס גֶעלֵייגְט אִין דֶער זַייט צוּ מַאכְן שָׁלוֹם, עֶס זָאל זַיין הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה בַּיי עֶנְק.

הַלְוַאי זָאלְסְטוּ יֶעצְט אָנְנֶעמֶען דִי וֶוערְטֶער וָואס אִיךְ הָאבּ דִיר דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט, אַיינְבֵּייגְן דֶעם קָאפּ פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, רֶעדְן שֵׁיין צוּ דִי וַוייבּ, וַוייל נָאר אַז מֶען הָאט שָׁלוֹם בַּיִת, מֶען רֶעדְט שֵׁיין, מֶען רֶעדְט אֵיידְל, מֶען רֶעדְט מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ - אִיז דָא הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה מִיט אַלֶע בְּרָכוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

[דֶער בְּרִיוו צוּ וֶועלְכֶע דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע שְׁאֵלָה בַּאצִיט זִיךְ:

**פַארְשֶׁעמֶען אַ אִיד קֶען קָאסְטְן אַ טַייעֶרֶע פְּרַייז**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת נֹחַ, כ"ז תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרַט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן מֶען זָאל קֵיינֶעם נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען בַּיי אוּנְז אִין שׁוּל, דָאס אִיז דִי אַרְבֶּעט פוּן דִי גַבָּאִים, אַכְטוּנְג גֶעבְּן מֶען זָאל נִישְׁט וֵוי טוּן קֵיינֶעם, אוּן אַז אֵיינֶער הֵייבְּט אָן פָארְלֶערְנֶען אָן דֶעם וָואס מֶען אִיז אִים מְכַבֵּד - זָאל מֶען יֶענֶעם נִישְׁט אִיבֶּערְהַאקְן, נָאר שְׁפֶּעטֶער זָאל מֶען אִים זָאגְן אַז דִי שׁוּל פִירְט זִיךְ מִיט גַבָּאִים אוּן דִי גַבָּאִים זֶענֶען מְכַבֵּד פָארְצוּלֶערְנֶען אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אָבֶּער חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט אִיבֶּערְהַאקְן אוּן פַארְשֶׁעמֶען, אוּן קֵיינֶעם נִישְׁט פַארְשִׁיקְן פוּן שׁוּל; אוֹיסֶער אַ מְנֻוָּל וָואס לוֹיפְט נָאךְ קִינְדֶער, נָאר דֶעמָאלְט דַארְף מֶען פַארְשִׁיקְן, אוּן אוֹיךְ אַז מֶען קֶען דָאס טוּן פְּרִיוַואט, יֶענֶעם רוּפְן אִין אַ זַייט אוּן זָאגְן אַז אִין שׁוּל קֶען עֶר נִישְׁט זַיין צוּלִיבּ אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער, וַוייל פַארְשֶׁעמֶען אַ אִיד אִיז נִישְׁט קֵיין פָּשׁוּטְ'עֶ מַעֲשֶׂה, עֶס קֶען קָאסְטְן אַ טַייעֶרֶע פְּרַייז הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

לָאז דֶער רֶבִּי פִירְן דֶעם שׁוּל, מוֹהַרְאַ"שׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אַז דֶער רֶבִּי

אִיז בִּבְחִינַת ׳הָאָרוֹן נוֹשֵׂא אֶת נוֹשְׂאָיו׳, בַּיים אָרוֹן הָאט אוֹיסְגֶעזֶען וְוִי דֶער אָרוֹן וֶוערְט גֶעטְרָאגְן דוּרְךְ בְּנֵי קְהָת, אָבֶּער דֶער אָרוֹן הָאט זֵיי גֶעטְרָאגְן; אַזוֹי אוֹיךְ אִיז דֶעם רֶבִּינְ׳ס זַאךְ, דֶער רֶבִּי פִּירְט אוֹיס. אִיז חַס וְשָׁלוֹם פַארְשִׁיקְן אָדֶער וַויי טוּן, וֶוער עֶס דַארְף רֶעדְן אוּן פָּארְלֶערְנֶען וֶועט בַּיים סוֹף פָארְלֶערְנֶען.

אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ קִינְד, אַ בֶּן זָכָר, מַיין וַוייבּ רוּט זִיךְ אָפּ אוּן אִיךְ דַארְף אַהֵיים גֵיין גֶעבְּן עֶסְן פַאר דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער, דַארְף אִיךְ מְקַצֵּר זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

[...

## פַארְוָואס אִיז מַיין וַוייבּ אַזוֹי שְׁלֶעכְט צוּ מִיר?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ מֶער נִישְׁט קֵיין כֹּחַ, מַיין וַוייבּ זָאגְט מִיר אַ גַאנְצְן צַייט אַז אִיךְ זֶע נִישְׁט אוֹיס גוּט, אוּן עֶס אִיז אַזַא שָׁאד אַז זִי הָאט נִישְׁט גֶעזָאגְט נַיין גְלַייךְ נָאךְ דִי בֶּעשׁוֹי, זִי הָאט מִיר עֶס שׁוֹין גֶעזָאגְט אַזוֹיפִיל מָאל אַז אִיךְ אַלֵיין הוֹיבּ שׁוֹין אוֹיךְ אָן אַזוֹי צוּ טְרַאכְטְן.

מִיר הָאבְּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם קִינְדֶערְלֶעךְ, דֶערִיבֶּער וֵוייס אִיךְ אַז עֶס גֵייט גָארְנִישְׁט פַּאסִירְן, אִיךְ וִויל אָבֶּער אַזוֹי שְׁטַארְק אַז עֶס זָאל יָא זַיין גוּט אוּן גֶעשְׁמַאק אִינְדֶערְהֵיים. אִינְדְרוֹיסְן פוּן הוֹיז בִּין אִיךְ זֵייעֶר אַ גֶעלוּנְגֶענֶער מֶענְטְשׁ, יֶעדֶער הָאט מִיךְ לִיבּ, אוּן נָאר אִינְדֶערְהֵיים שְׁפִּיר אִיךְ זִיךְ וְוִי אַ נַאר אוּן אַ לֹא יֻצְלָח.

אִיךְ וֵוייס אַז אַלֶעס קוּמְט צוּלִיבּ מַיינֶע עֲבֵירוֹת, וָואס קֶען אִיךְ אָבֶּער טוּן? אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם נִישְׁט קֵיין שׁוּם כֵּלִי וָואס מֶען קֶען אוֹיף דֶעם זֶען שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, אוֹיפְן גַאס דַארְף אִיךְ גֵיין אוּן אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ זָאל הִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן, אוּן אִיךְ זָאג מִשְׁנַיּוֹת, אוּן וָואס טוּ אִיךְ יֶעצְט וַוייטֶער? אִיךְ בִּין גְרֵייט צוּ טוּן אַלֶעס וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"אַ וֶועט מִיר זָאגְן.

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיין וֶוערְטֶער צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ הָאבּ דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וָואס אִיז מִיר מְחַיֶּ' אוּן מְחַזֵּק.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת וַיֵּרָא, ט"ז מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

וֶוער נִישְׁט בַּאלֵיידִיגְט פוּן דַיין וַוייבּ, נֶעם עֶס נִישְׁט צוּם הַארְצְן, אַזוֹי וִוי קְלֵיינֶע קִינְדֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען נִישְׁט פְרֵיילִיךְ אוּן זֵיי גֵייעֶן אַרַיין אִין אַ כַּעַס קֶענֶען זֵיי זָאגְן נִישְׁט שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער פַאר טַאטֶע מַאמֶע, צוּם בֵּייִשְׁפִּיל: "בִּיסְט נִישְׁט קֵיין גוּטֶע טַאטֶע", "בִּיסְט אַן עֶקְלְדִיגֶע מַאמֶע", אוּן עֶלְטֶערְן וֵוייסְן אוּן פַארְשְׁטֵייעֶן אַז דִי קִינְד הָאט זֵיי נָאכְאַלְץ לִיבּ, אוּן עֶלְטֶערְן וֶועלְן קֵיינְמָאל נִישְׁט אָפְּלָאזְן דִי קִינְד, אַזוֹי אוֹיךְ מַאן אוּן וַוייבּ, וֶוען מֶען וֶוערְט אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט אוּן מֶען צֶערֶעדְט זִיךְ מִיט נִישְׁט שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער אֵיינֶער אוֹיפְן צְוֵוייטְן טָאר מֶען דָאס נִישְׁט נֶעמֶען פֶּערְזֶענְלִיךְ, נָאר גֶעדֶענְקֶען אַז דָאס אִיז אַ נִסָּיוֹן וָואס מֶען פְּרוּבִּירְט אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ זֶען אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ פַארְלִירְן אָדֶער נִישְׁט.

עֶס אִיז טַאקֶע זֵייעֶר נִישְׁט בַּא'טַעֲמְ'ט צוּ הֶערְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי וַוייבּ, אָבֶּער אִיךְ בֶּעט דִיר נֶעם עֶס נִישְׁט פֶּערְזֶענְלִיךְ. קֶענְסְט אִיר זָאגְן אַז עֶס טוּט וֵויי דָאס צוּ הֶערְן, אוּן "נָאכְאַלְץ הָאבּ אִיךְ דִיךְ זֵייעֶר לִיבּ וְכוּ' וְכוּ'", אוּן נָאכְאַלְץ זָאלְסְטוּ אִיר אַהֵיים בְּרֶענְגֶען גוּטֶע זַאכְן. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (יְבָמוֹת סג.), רֶבִּי חִיָּיא הָאט גֶעהַאט אַ וַוייבּ מִיטְן נָאמֶען יְהוּדִית, זִי פְלֶעגְט אִים זֵייעֶר אַסַאךְ טְשֶׁעפֶּען, זִי פְלֶעגְט אִים זָאגְן: "אַ שָׁאד אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעזָאגְט בַּיים בֶּעשׁוֹי 'נֵיין'", זִי פְלֶעגְט אִים זָאגְן: "בִּיסְט נִישְׁט שֵׁיין וְכוּ' וְכוּ'", מִיט דֶעם אַלֶעם, וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶען אַ גוּטֶע זַאךְ הָאט עֶר אִיר דָאס אַהֵיים גֶעבְּרֶענְגְט, אוּן זַיין תַּלְמִיד דֶער הֵיילִיגֶער רַב, וָואס אִיז אוֹיךְ גֶעוֶועןאַ שְׁוֶועסְטֶער קִינְד (נֶעפְיוּ) אוּן גֶעוואוּסְט וָואס טוּט זִיךְ אִין שְׁטוּבּ - הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "פַארְוָואס בְּרֶענְגְסְטוּ אִיר דִי גוּטֶע זַאכְן, זִי טְשֶׁעפֶּעט דִיךְ, זִי טוּט דִיךְ וֵויי?" הָאט רֶבִּי חִיָּיא אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דַיֵּינוּ שֶׁמְּגַדְּלוֹת בָּנֵינוּ", מִיר אִיז גֶענוּג אַז זִי צִיט אוֹיף דִי קִינְדֶער, "וּמַצִּילוֹת אוֹתָנוּ מִן הַחֵטְא", אוּן זִי רַאטֶעוֶועט מִיךְ פוּן עֲבֵירוֹת; זֶעט מֶען פוּן דֶעם וִוי שְׁטַארְק מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ.

קְלַאפּ זִיךְ נִישְׁט, עֶס קֶען זַיין אַז דוּ דַארְפְסְט טַאקֶע תְּשׁוּבָה טוּן, אָבֶער אוֹיךְ זִי דַארְף וִויסְן אַז מֶען רֶעדְט נִישְׁט אַזוֹי צוּם מַאן, דוּ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל זַיין לִיבְּשַׁאפְט אִין שְׁטוּבּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דַארְף אִיךְ מוֹרָא הָאבְּן צוּ רֶעדְן צוּ קִינְדֶער פוּן קְדוּשָׁה?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

דֶער מְנַהֵל אִין אוּנְזֶער תַּלְמוּד תּוֹרָה הָאט גֶעמַאכְט הַיינְט אַן אֲסִיפָה פַאר דִי מְלַמְּדִים, אוּן אַנְשְׁטָאט צוּ מְחַזֵּק זַיין דִי מְלַמְּדִים, הָאט עֶר אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט אוֹיפְן טִישׁ דִי תַּקָּנוֹת וָואס עֶר וִויל אַיינְפִירְן אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה, אוּן אֵיינֶע פוּן דִי תַּקָּנוֹת אִיז אַז מֶען טָאר נִישְׁט רֶעדְן פוּן קְדוּשָׁה אוֹיף קֵיין שׁוּם וֶועג אוּן פַאל.

יֶעדֶער צִיטֶערְט אַבִּיסְל, דַארְף אִיךְ אוֹיךְ מוֹרָא הָאבְּן פוּן אִים?

יְיַשֶׁר כֹּחַ אוֹיף אַלֶעס, דִי שִׁיעוּרִים זֶענֶען מִיךְ מַחְזִיר בִּתְשׁוּבָה.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת וַיֵּרָא, ט"ז מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

וֵויי וֵויי אַז מֶען לֶערְנְט נִישְׁט אוֹיס דִי קִינְדֶער זָאלְן זַיין הֵיילִיג, וֵויי וֵויי אַז נָאכְאַלְץ, נָאכְן הֶערְן יֶעדְן טָאג שׁוֹידֶערְלִיכֶע מַעֲשִׂיוֹת וִוי מְנֻיָּולִים בַּאצְוִוינְגֶען קִינְדֶער אוּן יוּנְגֶע בָּחוּרִים מִיט עֲבֵירוֹת, אוּן נָאכְאַלְץ קֶען זַיין אַ מְנַהֵל וָואס פִירְט אַ הֵיימִישֶׁע חֵדֶר וָואס זָאל זָאגְן: "בַּיי אוּנְז רֶעדְט מֶען נִישְׁט צוּ דִי קִינְדֶער פוּן קְדוּשָׁה".

אַוַדַּאי זָאלְסְטוּ רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער וַוייטֶער פוּן קְדוּשָׁה, הָאבּ פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט מוֹרָא, דוּ זָאג דִי קִינְדֶער: "קֵיינֶער טָאר דִיךְ נִישְׁט נֶעמֶען אִין אַ פַארְמַאכְטֶע צִימֶער אוּן דִיר עֶפֶענֶען דַיינֶע קְלֵיידֶער אוּן דִיךְ אָנְרִירְן בַּיי דַיינֶע

פְּרִיוַואטֶע פְּלֶעצֶער, און אוֹיבּ אֵיינֶער ווִיל דִיךְ אָנְרִירְן אָדֶער עֶר צְווִינְגְט דִיר דוּ זָאלְסְט אִים אָנְכַאפְּן בַּיי דִי אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ - זָאלְסְטוּ אַנְטְלוֹיפְן און דוּ זָאלְסְט שְׁרֵייעֶן, און אוֹיבּ קֵיינֶער ווִיל דִיר נִישְׁט הֶעלְפְן זָאלְסְטוּ גֵיין צוּ דִי פָּאלִיצֵיי"; נֶעם נִישְׁט דִי שְׁטְרָאף אוֹיף דִיר, אַז אַ מְלַמֵּד רֶעדְט נִישְׁט צוּ דִי קִינְדֶער - וֶועט עֶר אַלֵיינְס בַּשְׁטְרָאפְט הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּה, פֶּרֶק יח), אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא הָאט דֶערְצֵיילְט: אִיךְ הָאבּ אַמָאל אָנְגֶעטְרָאפְן אַ מְלַמֵּד וָואס הָאט גֶעהַאט זֵייעֶר אַסַאךְ תַּלְמִידִים - בְּעֶרֶךְ צְוֵויי הוּנְדֶערְט תַּלְמִידִים, נָאךְ אַ יָאר בִּין אִיךְ צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּ דִי שְׁטָאט פוּן דֶעם מְלַמֵּד, וֶוען אִיךְ הָאבּ אוֹיפְגֶעזוּכְט דֶעם מְלַמֵּד זִיךְ צוּ קֶענֶען טְרֶעפְן מִיט אִים הָאט מֶען מִיר גֶעזָאגְט אַז דֶער מְלַמֵּד אִיז שׁוֹין גֶעשְׁטָארְבְן צוּזַאמֶען מִיט זַיין ווַייבּ און קִינְדֶער, אַזוֹי אוֹיךְ זֶענֶען אַלֶע זַיינֶע תַּלְמִידִים גֶעשְׁטָארְבְן. הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּ וֵויינֶען פַארְוָואס דֶער מְלַמֵּד מִיט זַיין מִשְׁפָּחָה, מִיט דִי תַּלְמִידִים, זֶענֶען אַלֶע גֶעשְׁטָארְבְן, בִּיז עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מִיר אַ מַלְאָךְ פוּן הִימְל און מִיר גֶעפְרֶעגְט: "אֵלִיָּהוּ, פַארְוָואס וֵויינְסְטוּ?" הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט, "צִי דֶען זָאל אִיךְ נִישְׁט וֵויינֶען, אַז דִי אַלֶע זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְן...?" הָאט מִיר דֶער מַלְאָךְ גֶעזָאגְט: "וֵויין נִישְׁט אֵלִיָּהוּ, זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן שְׁמוּצִיגֶע מַעֲשִׂים, זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן עֲבֵירוֹת אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן, זֵיי הָאבְּן פּוֹגֵם גֶעוֶוען בְּאוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ דֶערִיבֶּער זֶענֶען זֵיי אַלֶע גֶעשְׁטָארְבְן יוּנְג".

לֵייג אַרַיין שִׂמְחָה אִין דִי קִינְדֶער, זֶע עֶס זָאל זַיין אַ פְּרֵיילִיכֶע לוּפְט אִין כִּתָּה, אוֹיךְ עֶרְנְסְט, אָבֶּער אוֹיךְ פְּרֵיילִיךְ; פוּן אֵיין זַייט וֵוייסְן דִי קִינְדֶער אַז מֶען רֶעדְט נִישְׁט פוּן וֶוען דֶער רֶבִּי לֶערְנְט פָּאר, דִי קִינְדֶער וֵוייסְן אַז מֶען דַארְף פָּאלְגְן, און פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז פְּרֵיילִיךְ, דִי קִינְדֶער הָאבְּן לִיבּ צוּ זַיין אִין חֵדֶר, עֶס אִיז אַ גֶעשְׁמַאק צוּ זַיין מִיטְן מְלַמֵּד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

## זיךְ פְרֵייעֶן מִיט יֶעדֶע פִּינְטֶעלֶע אִידִישְׁקֵייט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י"א מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

זוּךְ אוֹיף אִין דִיר גוּטֶע זַאכְן, אוּן זַיי זִיךְ מְחַיֶּ' מִיט דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס דוּ הָאסְט. וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן י): "מַה שֶּׁהָעוֹלָם רְחוֹקִים מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וְאֵינָם מִתְקָרְבִים אֵלָיו יִתְבָּרַךְ, הוּא רַק מֵחֲמַת שֶׁאֵין לָהֶם יִשּׁוּב הַדַּעַת", פַאַרְוָואס זֶענֶען מֶענְטְשְׁן וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן? וַוייל מֶען הָאט נִישְׁט קֵיין יִשּׁוּב הַדַּעַת, מֶען טְרַאכְט נִישְׁט אַרַיין 'וָואס אִיז דִי תַּכְלִית פוּן דִי וֶועלְט? וָואס הָאט מֶען פוּן אַלֶע תַּאֲווֹת וְכוּ'?' עֶס בְּלַייבְּט דָאךְ גָארְנִישְׁט אִיבֶּער פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, נָאר דָאס בִּיסְל עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וָואס מֶען כַאפְּט אַרַיין בָּזֶה הָעוֹלָם', אוּן וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ יִשּׁוּב הַדַּעַת, מֶען זָאל וִויסְן וָואס מֶען הָאט צוּ טוּן דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט? "אַךְ דַּע, שֶׁעַל יְדֵי מָרָה שְׁחוֹרָה אִי אֶפְשָׁר לְהַנְהִיג אֶת הַמֹּחַ כִּרְצוֹנוֹ, וְעַל כֵּן קָשֶׁה לוֹ לְיַשֵּׁב דַּעְתּוֹ", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז דֶעפְּרֶעסְט אִיז אִים זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ קֶענֶען טְרַאכְטְן נָארְמַאל וְכוּ', וַוייל דֶער מֹחַ אִיז אִים מְצוּמְצָם, "רַק עַל יְדֵי הַשִּׂמְחָה יוּכַל לְהַנְהִיג הַמֹּחַ כִּרְצוֹנוֹ, וְיוּכַל לְיַשֵּׁב דַּעְתּוֹ, כִּי שִׂמְחָה הוּא עוֹלָם הַחֵרוּת", אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ, דֶעמָאלְט קֶען עֶר טְרַאכְטְן גְרָאד וְכוּ', וַוייל וֶוען מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ אִיז דֶער מֹחַ בְּרֵייט אָפְן אוּן נִישְׁט מְצוּמְצָם, "וְלָבוֹא לְשִׂמְחָה הוּא", אוּן וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זַיין פְרֵיילִיךְ? "עַל יְדֵי מַה שֶּׁמּוֹצֵא בְּעַצְמוֹ אֵיזֶה נְקֻדָּה טוֹבָה עַל כָּל פָּנִים", דוּרְךְ זוּכְן גוּטְס אִין זִיךְ, דוּרְךְ

זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט יֶעדֶע פִּינְטֶעלֶע אִידִישְׁקֵייט, זִיךְ פְרֵייעֶן אַז מֶען אִיז אַ אִיד, אַז מֶען אִיז אַ חֵלֶק פוּנֶעם עַם הַנִּבְחָר.

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיר הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן נָאךְ אַ יָאר יְשִׁיבָה, דִי אַכְצֶנְטֶע יָאר יְשִׁיבָה, בְּנוֹסָף לָזֶה הָאבְּן מִיר שׁוֹין אַפָּאר סְנִיפִּים אִין שְׁטֶעטְל אוּן אִין יְרוּשָׁלַיִם. אִיךְ גֶעדֶענְק וְוען מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט קוּמֶען אִין יְשִׁיבָה כְּסֵדֶר בַּאזוּכְן מִיט אַזַא שִׂמְחָה, מֶען קֶען זֶען דִי בִּילְדֶער, דִי שְׁמֵייכְל פוּן מוֹהֲרָא"שׁ; נָאכְן לַיידְן אַזוֹיפִיל יָאר רְדִיפוֹת פוּן אִינְדְרוֹיסְן אוּן פוּן אִינֶעוֵוייניג פוּן דִי וָואס פַארְרוּפְן זִיךְ בְּרֶסְלֶבְ'עֶ חֲסִידִים, צוּ זֶען מִיט דִי אוֹיגְן אַ יְשִׁיבָה וואוּ בָּחוּרִים לֶערְנֶען אוֹיפְן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו): "טוֹב לִלְמֹד בִּמְהִירוּת וְלִבְלִי לְדַקְדֵּק הַרְבֵּה בְּלִמּוּדוֹ, רַק לִלְמֹד בִּפְשִׁיטוּת בִּזְרִיזוּת, וְלִבְלִי לְבַלְבֵּל דַּעְתּוֹ הַרְבֵּה בִּשְׁעַת לִמּוּדוֹ מֵעִנְיָן לְעִנְיָן, רַק יִרְאֶה לְהָבִין הַדָּבָר בִּפְשִׁיטוּת בִּמְקוֹמוֹ", עֶס אִיז גוּט מֶען זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעל אוּן נִישְׁט מְדַקְדֵּק זַיין צוּפִיל בִּשְׁעַת מֶען לֶערְנְט, נָאר זֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין דֶעם פַּשְׁטוּת הַפְּשַׁט, "וְאִם לִפְעָמִים אֵינוֹ יָכוֹל לְהָבִין דָּבָר אֶחָד, אַל יַעֲמֹד הַרְבֵּה שָׁם וְיַנִּיחַ אוֹתוֹ הָעִנְיָן וְיִלְמַד יוֹתֵר לְהַלָּן", אוּן אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט - זָאל מֶען נִישְׁט פַארְבְּרֶענְגֶען אַסַאךְ צַייט אוֹיף דֶעם עִנְיָן, עֶנְדֶערְשׁ זָאל מֶען גֵיין וַוייטֶער, "וְעַל פִּי הָרֹב יֵדַע אַחַר כָּךְ מִמֵּילָא מַה שֶּׁלֹּא הָיָה מֵבִין בַּתְּחִלָּה, כְּשֶׁיִּלְמַד כְּסֵדֶר בִּזְרִיזוּת לְהַלָּן יוֹתֵר", אוּן אַז מֶען לֶערְנְט אַסַאךְ וֶועט מֶען שְׁפֶּעטֶער פַארְשְׁטֵיין וָואס מֶען הָאט פְרִיעֶר נִישְׁט אַזוֹי גוּט פַארְשְׁטַאנֶען.

אַזוֹיפִיל יָאר הָאט מוֹהֲרָא"שׁ גֶערֶעדְט אוּן גֶעשְׁרִיבְּן דִי וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי'ן פוּן שִׂיחָה ע"ו, וואוּ דֶער רֶבִּי זָאגְט: "שֶׁאֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד, לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר", אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט זָאל מֶען זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, "וּמִמֵּילָא יָבִין", אוּן בַּיים סוֹף וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין. "וְלֹא יְבַלְבֵּל דַּעְתּוֹ בִּתְחִלַּת לִמּוּדוֹ שֶׁיִּרְצֶה לְהָבִין תֵּכֶף, וּמֵחֲמַת זֶה יִקְשֶׁה לוֹ הַרְבֵּה תֵּכֶף וְלֹא יָבִין כְּלָל, רַק יַכְנִיס מֹחוֹ בְּהַלִּמּוּד וְיֹאמַר כְּסֵדֶר בִּזְרִיזוּת וּמִמֵּילָא יָבִין", מֶען זָאל נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וֶוען מֶען זֶעט אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט, וָואס דָאס אַלֵיין - אַז מֶען ווִיל גְלַייךְ

פַאַרְשְׁטֵיין - מַאכְט אַז עֶס זָאל זַיין שְׁוֶוער צוּ פַאַרְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען, מֶען זָאל נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער כְּסִדְרָן און מֶען וֶועט שׁוֹין פוּן זִיךְ אַלֵיין פַאַרְשְׁטֵיין, "וְאִם לֹא יָבִין תֵּכֶף, יָבִין אַחַר כַּךְ, וְאִם יִשָּׁאֲרוּ אֵיזֶה דְּבָרִים, שֶׁאַף עַל פִּי כֵן לֹא יוּכַל לַעֲמֹד עַל כַּוָּנָתוֹ, מַה בְּכָךְ", און אוֹיב מֶען פַאַרְשְׁטֵייט נִישְׁט דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל - וֶועט מֶען עֶס פַארְשְׁטֵיין בַּיים צְוֵוייטְן מָאל; און אוֹיב מֶען וֶועט נִישְׁט פַאַרְשְׁטֵיין דֶעם צְוֵוייטְן מָאל אִיז אוֹיךְ גָארְנִישְׁט, "כִּי מַעֲלַת רִבּוּי הַלִּמּוּד עוֹלָה עַל הַכֹּל, וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (שַׁבָּת סג.; עֲבוֹדָה זָרָה יט.): 'לִגְמוֹר, וַהֲדַר לִסְבֹּר, וְאַף עַל גַּב דְּלָא יָדַע מַה קָאָמַר' שֶׁנֶּאֱמַר (תְּהִלִּים קיט, כ): 'גָּרְסָה נַפְשִׁי לְתַאֲבָה'", וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל קוֹדֶם אַסַאךְ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אֲפִילוּ עֶר פַאַרְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט, און דֶערְנָאךְ זָאל עֶר לֶערְנֶען צוּ פַאַרְשְׁטֵיין, "כִּי עַל יְדֵי רִבּוּי הַלִּמּוּד, שֶׁיִּלְמַד בִּמְהִירוּת, וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה, עַל יְדֵי זֶה יִזְכֶּה לַעֲבֹר כַּמָּה פְּעָמִים אֵלּוּ הַסְּפָרִים שֶׁלּוֹמֵד, לְגָמְרָם, וְלַחֲזֹר לְהַתְחִיל, וּלְגָמְרָם פַּעַם אַחַר פַּעַם, וְעַל יְדֵי זֶה מִמֵּילָא יָבִין וְכוּ'", וַוייל אַז מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעל, קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ; מֶען אִיז זוֹכֶה אִיבֶּערְצוּגֵיין יֶעדֶע זַאךְ זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל, בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה דָאס צוּ פַאַרְשְׁטֵיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַרַיינְנֶעמֶען אַ יְתוֹמָה אִין שְׁטוּב

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י"א מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַוַדַאי זָאלְסְטוּ אַרַיינְנֶעמֶען דַיין שְׁוֶועסְטֶער דִי יְתוֹמָה צוּ דִיר אִין שְׁטוּב, נִישְׁטָא קֵיין גְרֶעסֶערֶע מִצְוָה וִוי צוּ הֶעלְפְן אַ יְתוֹמָה, בִּפְרַט וֶוען עֶס אִיז אַן אֵייגֶענֶע שְׁוֶועסְטֶער, און אַז דַיין וַוייבּ אִיז מַסְכִּים - אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז עֶנְק

זָאלְן אִיר הַאלְטְן אוּן הָאדֶעוֶועןן ווִי עֶלְטֶערְן, אִיר מַאכְן דָאס בֶּעסְטֶע וָואס קֶען נָאר זַיין. ווַייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (כְּתוּבּוֹת נ.) אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים קו, ג): "עֹשֵׂה צְדָקָה בְכָל עֵת", ווִי אַזוֹי קֶען מֶען טוּן צְדָקָה אַ גַאנְצֶע צַייט? "זֶה הַמְגַדֵּל יָתוֹם וִיתוֹמָה בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ", דֶער וָואס הָאדֶעוֶועט אוֹיף אַ יָתוֹם אָדֶער אַ יְתוֹמָה, "וּמַשִּׂיאָן", אוּן עֶר מַאכְט זֵיי חֲתוּנָה - דֶער אִיז בַּיי דִי גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגָה.

נָאךְ זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (שְׁמוֹת רַבָּה מה, ו), וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעוִויזְן פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ דִי שְׂכַר וָואס עֶס אִיז אָנְגֶעגְרֵייט צוּ גֶעבְן פַאר צַדִּיקִים, הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֶעפְרֶעגְט: "אוֹצָר הַזֶּה שֶׁל מִי הוּא", פַאר וֶועם וֶועט גֵיין דִי גְרוֹיסֶע שְׂכַר? "וְהֵשִׁיב לוֹ", הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִים גֶעזָאגְט: "שֶׁל מְגַדְּלֵי יְתוֹמִים", פַאר דִי וָואס הָאדֶעוֶוען אוֹיף יְתוֹמִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מֶען דַארְף מִיךְ יָא, אָדֶער מֶען דַארְף מִיךְ נִישְׁט?

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת וַיֵּרָא, י"ב מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן**
**מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיינֶע מֶעסֶעדְזְשֶׁעס.

ווַארְף אַוֶועק דַיינֶע חָכְמוֹת הַמְדֻמּוֹת, קֵיינֶער אִיז נִישְׁט בְּרוֹגֶז אוֹיף דִיר, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט אוֹיף דִיר, אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֶענֶען טַייעֶרֶע מֶענְטְשְׁן. לְדַעְתִּי רוֹדְפְ'סְטוּ זִיךְ אַלֵיין, דוּ לוֹיפְסְט אַוֶועק פוּן דַיין אֵייגֶענֶע שָׁאטְן. אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעוָואלְט ווִינְטְשְׁן הוֹשַׁעְנָא רַבָּה, אִיךְ הָאבּ דִיךְ גֶעזוּכְט אַ גַאנְץ חוֹדֶשׁ תִּשְׁרֵי, אַ שָׁאד דוּ קוּמְסְט מֶער נִישְׁט צְווִישְׁן דִי טַייעֶרֶע חַבוּרָה.

הֵייבּ אָן צוּרִיק לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, דָאס וֶועט דִיר גֶעבְן שְׁטַארְקֵייט, דָאס וֶועט אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי חָכְמוֹת הַמְדֻמּוֹת. אִיךְ זָאג דִיר נִישְׁט סְתָּם זַאכְן, אִיךְ זָאג דִיר וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַלֶע יָארְן אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ; דִי וָואס הָאבְן גֶעטוּן לְמַעֲשֶׂה, גֶעלֶערְנְט שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, מִקְרָא,

מִשְׁנָה, גְמָרָא, הֲלָכָה, מֶדְרָשׁ וְאַגָּדָה וְסִפְרֵי רַבֵּינוּ, און זִיךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען, און עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּי'ן אִין דִי וֶועלְט – דִי הָאבְּן זִיךְ פֶּעסְט גֶעהַאלְטְן.

אִיךְ הָאבּ דִיךְ לִיבּ, אִיךְ בֶּעט פַאר דִיר יֶעדְן טָאג, אִיךְ שׁוֹין דִיךְ, אַ שָׁאד דִי חָכְמוֹת דַיינֶע פוּן מַאכְן חֶשְׁבּוֹנוֹת אוֹיף חֶשְׁבּוֹנוֹת אוֹיבּ מֶען דַארְף דִיךְ יָא אָדֶער נִישְׁט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אָנְקוּקְן דֶעם מַאן מִיט אַ לִיכְטִיגְקֵייט, וֶועט אַלֶעס וֶוערְן גוּט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י"ב מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיווּ.

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי עֶס אִיז אַייךְ שְׁוֶוער אַז אַייעֶר מַאן קוּמְט נִישְׁט אַהֵיים צֵייטְלִיךְ, אִיר קֶענְט זִיךְ קֵיין עֵצָה נִישְׁט גֶעבְּן מִיט דִי קִינְדֶער, דָאךְ זָאלְט אִיר דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַייעֶר מַאן אִיז אִין שׁוּל, עֶר לֶערְנְט, עֶר אִיז נִישְׁט מִיט שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים.

דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז וִוי אַזוֹי צוּ נִיצְן אוּנְזֶער מֹחַ מַחֲשָׁבָה, און אַזוֹי וֶועט מֶען קֶענֶען אַרִיבֶּערְגֵיין שְׁוֶוערֶע מַצָּבִים. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קצה): "אִם יִסְתַּכֵּל הָאָדָם עַל חַסְדֵי ה'", אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ וֶועט קוּקְן אוֹיף דִי חֲסָדִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט; "יִרְאֶה, שֶׁאֲפִלּוּ בְּעֵת שֶׁהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מֵצֵר לוֹ", אֲפִילוּ וֶוען עֶר הָאט שְׁוֶוערֶע טֶעג, "גַּם בְּהַצָּרָה בְּעַצְמָהּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מַרְחִיב לוֹ וּמַגְדִּיל חַסְדּוֹ עִמּוֹ", זָאל עֶר גוּט קוּקְן, וֶועט עֶר זֶען אַז אִין דִי צָרָה מַאכְט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גוּט.

אַייעֶר מַאן קוּמְט אַהֵיים שְׁפֶּעט, אַייעֶר מַאן קֶען זִיךְ נִישְׁט צַאמְנֶעמֶען, אַ צַייט אִיז בַּיי אִים נִישְׁט קַיין צַייט, אִיר שְׁפִּירְט אַז אִיר קֶענְט עֶס נִישְׁט נֶעמֶען; זָאלְט אִיר דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר הָאט אַ מַאן וָואס אִיז אִין

שׁוּל, עֶר לֶערְנְט, עֶר דַאוֶונְט, עֶר אִיז עֶרְלִיךְ, עֶר זִיצְט נִישְׁט מִיט חֲבֵרִים אוּן הוּלְיֶעט; הֵייבְּט אָן קוּקְן אוֹיף אַייעֶר מַאן מִיט אַ לִיכְטִיגְקֵייט, מִיט אַ שַׁיין – וֶועט אַלֶעס וֶוערְן גוּט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## קֵיינְמָאל הָאבּ אִיךְ דָאס אֲפִילוּ נִישְׁט גֶעטְרַאכְט אוֹיף דִיר

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י״ב מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ בִּין אַהֵיים גֶעפָארְן מוֹצָאֵי שִׂמְחַת תּוֹרָה פוּן שְׁטֶעטְל מִיט הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר. עֶר הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט אוֹיפְן וֶועג אַהֵיים אַז דוּ הָאסְט זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט דַיין הַארְץ, אַז מֶען הָאט מִיר גֶעבְּרֶענְגְט לָשׁוֹן הָרָע אוֹיף דִיר, אַז דוּ הָאסְט גֶע׳גַנֶב׳עֶט פוּן יְשִׁיבָה גֶעלְט וְכוּ׳; וִויל אִיךְ דִיר זָאגְן אַז עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, קֵיינֶער הָאט מִיר דָאס נִישְׁט גֶעזָאגְט אוּן אֲפִילוּ פַּאר אַ וֶוערְטְל אִיז דָאס נִישְׁט גוּט; קֵיינְמָאל הָאבּ אִיךְ דָאס אֲפִילוּ נִישְׁט גֶעטְרַאכְט אוֹיף דִיר.

מֶען דַארְף אַסַאךְ שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים דֶערְצֵיילְן אַלֶע וֵוייטָאג וָואס לִיגְט בַּאהַאלְטְן אִינֶעם מֶענְטְשׁ, וַוייל נָאר דוּרְךְ הִתְבּוֹדְדוּת אוּן דוּרְךְ לֶערְנֶען עַל פִּי סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן רֶבִּי׳ן גֵייעֶן אַרוֹיס אַלֶע חָכְמוֹת הַמְּדַמּוֹת אוּן אַלֶע בִּלְבּוּלִים וְכוּ׳.

אִיךְ הָאבּ דִיךְ זֵייעֶר לִיבּ אוּן אוֹיךְ בִּין אִיךְ דִיר זֵייעֶר מַכִּיר טוֹבָה פַּאר אַלֶעס וָואס דוּ הֶעלְפְּסְט מִיר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**נֶעמֶען דִי סְמַארְטְפָאוֹן אִין דִי קַאר אוֹיפְצוּטוּן?**

**אַ אִינְגֶערְמַאן פְּרֶעגְט:**

אִיךְ הָאבּ זִיךְ מְקַבֵּל גֶעוֶועז אַ צַייט צוּרִיק צוּ לָאזְן מַיין סְמַארְטְפָאוֹן אִין אָפִיס אוּן אֲפִילוּ נִישְׁט עֶס הַאלְטְן אִין קַאר, אוּן אִיךְ הָאבּ אֲפִילוּ גֶעטוּישְׁט צוּ אַ טֶעבְּלֶעט אַז עֶס זָאל נִישְׁט זַיין שַׁיָּיךְ צוּ הַאלְטְן אִין טַאשׁ. לְמַעֲשֶׂה הָאבּ אִיךְ לֶעצְטְנְס יָא עֶס אָנְגֶעהוֹיבְּן נֶעמֶען אִין קַאר, וַוייל אִיךְ טְרַאכְט אַז אִיךְ קֶען אוֹיפְטוּן מֶער, אַז אִיךְ בִּין מֶער עֶוֶועילֶעבְּל פַאר דִי קְהִילָה אוּן דִי מוֹסָד אִין דִי אַנְדֶערֶע שָׁעוֹת וֶוען אִיךְ בִּין נִישְׁט אִין אָפִיס, אִיךְ וֵוייס אָבֶּער נִישְׁט אוֹיבּ עֶס אִיז סְתָּם אַ תֵּירוּץ אָדֶער עֶס אִיז טַאקֶע בֶּעסֶער; אִיךְ וִויל וִויסְן אוּן טוּן וָואס אִיז רִיכְטִיג.

**תְּשׁוּבָה:**

נִישְׁט רִיכְטִיג, רִיכְטִיג אִיז נָאר הַאלְטְן אִין אָפִיס.

...

**וָואס טוּט זִיךְ פַארְדֶעם אוּן נָאכְדֶעם?**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י"ב מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דִי בִּילְדֶער וְכוּ'.

בְּנוֹגֵעַ דִי שֵׁיינֶע וַוארֶעמֶע מְסִבָּה בַּיי...; גֶעדֶענְקְזְשֶׁע וָואס מוֹהַרְנַ"תְּ הָאט גֶעזָאגְט וֶוען עֶר אִיז אַרִיבֶּער שִׂמְחַת תּוֹרָה בַּיינַאכְט דִי ... קְלוֹיז, אוּן גֶעהֶערְט דִי 'אַתָּה הָרְאֵתָ' פוּן דִי מִתְנַגְדִים, אוּן הָאט שִׁיעוּר נִישְׁט גֶעהַאט חֲלִישׁוּת הַדַּעַת וְכוּ', 'אַזֶעלְכֶע מִתְנַגְדִים אוּן אַזַא קְנַאקֶעדִיגֶע אַתָּה הָרְאֵתָ?!' הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "טַאקֶע אַ שֵׁיינֶע 'אַתָּה הָרְאֵתָ', אָבֶּער וָואס אִיז פַארְן 'אַתָּה הָרְאֵתָ' אוּן וָואס אִיז נָאכְן 'אַתָּה הָרְאֵתָ' - דָאס וֵוייסְט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין", אוּן אִיךְ זָאג דִיר אַבִּיסְל אַנְדֶערְשׁ, וָואס טוּט זִיךְ פַאר דִי שֵׁיינֶע מְסִבָּה וָואס דוּ הָאסְט מִיר דֶערְצֵיילְט וְכוּ' - דָאס וֵוייסְטוּ, אוּן אִיךְ, אוּן יֶעדֶער - וָואס טוּט זִיךְ פַארְדֶעם אוּן נָאכְדֶעם; נִישְׁטָא קֵיינֶער פוּן דִי גַאנְצֶע פְּלַאץ וָואס זָאל

מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, קֵיינֶער עֶפְּעְט נִישְׁט קֵיין מִשְׁנַיוֹת, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אָפְּגֶערֶעדְט פוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, פוּן זִיצְן אִין אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ אוּן בֶּענְקֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

אִיךְ בִּין בְּצַעַר אַז דוּ הָאסְט צַעַר פוּן מִיר, אִיךְ קֶען אָבֶּער גָארְנִישְׁט טוּן פַאר דֶעם וַוייל לְדַעְתִּי אִיז דָאס חָכְמוֹת (קָאמְפְּלֶעקְסְן).

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## בִּזְיוֹנוֹת אִיז בַּיי אוּנְז קֶעשׁ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י"ג מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַז מֶען הָאט דִיךְ פַארְשֶׁעמְט - זָאלְסְטוּ דָאס נֶעמֶען פַאר כַּפָּרַת עֲווֹנוֹת, עֶנְטְפֶער נִישְׁט צוּרִיק אוּן הַאלְט נִישְׁט אִין זִיךְ קֵיין רוֹגֶז. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ו): "יִשְׁמַע בִּזְיוֹנוֹ יִדֹּם וְיִשְׁתֹּק", אַז מֶען הֶערְט אַ בִּזָיוֹן אוּן מֶען בְּלַייבְּט שְׁטִיל - דָאס אִיז תְּשׁוּבָה; בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פְּלֶעגְט מֶען זָאגְן: "בִּזְיוֹנוֹת אִיז בַּיי אוּנְז קֶעשׁ", מֶען קוּמְט אָפּ אַלֶע עֲבֵירוֹת.

דָאס אִיז וָואס דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה יב, מַעֲשֶׂה מִבַּעַל תְּפִלָּה): "אַמָאל אִיז גִיוֶוען אַ בַּעַל תְּפִלָּה וָואס עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג נָאר עוֹסֵק גִיוֶוען אִין תְּפִילוֹת אוּן שִׁירוֹת אוּן תּוּשְׁבָּחוֹת צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. אוּן עֶר אִיז גִיזֶעסִין חוּץ לְיִשׁוּב. אוּן זַיין סֵדֶר אִיז גִיוֶוען, עֶר פְּלֶעגְט אַמָאל אַרַיין צוּ גֵיין אִין יִישׁוּב אַרַיין. אוּן עֶר פְּלֶעגְט אַרַיין צוּגֵיין צוּ עֶפֶּעס אַ מֶענְשְׁן אוּן עֶר פְּלֶעגְט מִיט דֶעם מֶענְשְׁן אָנְהֵייבִּין צוּ שְׁמוּסִין פוּן דֶעם תַּכְלִית פוּן גָאר דֶער וֶועלְט. אַז צוּם אֶמֶת אִיז קֵיין שׁוּם תַּכְלִית נִישְׁט פַארְהַאנְדִין אוֹיף דֶער וֶועלְט. נָאר מֶע זָאל דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן מֶע זָאל זִיךְ פַארְבְּרֶענְגֶען דִי יָארִין נָאר מִיט תְּפִלָּה צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אוּן מִיט שִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְכוּ', אוּן אַזוֹי פְּלֶעגְט זַיין סֵדֶר צוּ זַיין פוּן דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה תָּמִיד. וָואס עֶר פְּלֶעגְט אַלְץ אַרַיין צוּ גֵיין אִין יִישׁוּב אַרַיין. אוּן פְּלֶעגְט אִיבֶּער רֵידִין מֶענְשְׁן

אַז זֵיי זָאלִין גֵיין מִיט זַיין וֶועג אַז זֵיי זָאלִין נָאר גָאט בָּרוּךְ הוּא דִינֶען, זֵיי זָאלִין נָאר עוֹסֵק זַיין אִין תְּפִילוֹת וְכוּ׳, און וֶוער סֶע הָאט אִים צוּ גִיהֶערְט פְלֶעגְט עֶר אִים צוּ נֶעמֶען און פְלֶעגְט אִים פִירִין אוֹיף זַיין אָרְט חוּץ לְיִישׁוּב כַּנַ״ל. און זֵיי פְלֶעגִין דָארְט עוֹסֵק זַיין נָאר אִין תְּפִילוֹת און שִׁירוֹת וְתוּשְׁבָּחוֹת צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ און וִידוּיִים און תַּעֲנִיתִים און סִיגוּפִים (דְהַיְינוּ פַּיינִיקִין זִיךְ דֶעם גוּף) און בַּיי דִי מֶענְשְׁן וָואס עֶר הָאט זֵיי מְקָרֵב גִיוֶוען צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. אִיז בַּיי זֵיי אַ תַּעֲנִית און דֶער גְרֶעסְטֶער סִיגוּף (דְהַיְינוּ פַּיינִיקִין זִיךְ) טַייעֶרֶער גִיוֶוען פון אַלֶע תַּעֲנוּגִים פון דֶער וֶועלְט. וָוארִין זֵיי הָאבִּין גִיהַאט תַּעֲנוּג פון דֶעם גְרֶעסְטִין סִיגוּף אָדֶער פון אַ תַּעֲנִית מֶער אֵיידֶער פון אַלֶע תַּעֲנוּגִים פון דֶער וֶועלְט״.

וָואס אִיז פְּשַׁט אִין דִי מַעֲשֶׂה? מִיר וֵוייסְן דָאךְ אַז דֶער רֶבִּי אִיז דֶער בַּעַל תְּפִלָּה, און דֶער רֶבִּי הָאט דָאךְ אוּנְז גֶעזָאגְט מִיר זָאלְן נִישְׁט פַּאסְטְן און אוֹיךְ נִישְׁט מַאכְן קֵיין סִיגוּפִים; נָאר דָאס רֶעדְט מֶען פון ׳יִשְׁמַע בִּזְיוֹנוֹ יִדֹּם וְיִשְׁתֹּק׳, פון נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן וֶוען מֶען וֶוערְט פַארְשֶׁעמְט, דָאס מֵיינְט מֶען אַ ׳תַּעֲנִית׳, און דָאס ׳סִיגוּפִים׳ מֵיינְט מֶען פון וֶוערְן גֶעפַּיינִיגְט, זִיךְ נִישְׁט בַּאלֵיידִיגְן וֶוען מֶען טוּט אַנְדֶערְשׁ וִוי דִיר, און וֶוען מֶען זָאגְט אַנְדֶערְשׁ וִוי דוּ ווִילְסְט, פון דֶעם רֶעדְט דָא דֶער רֶבִּי, דָאס זָאגְט דֶער רֶבִּי, דִי אַנְשֵׁי בַּעַל תְּפִלָּה הָאבְּן גֶענוּמֶען דִי עֲבוֹדָה פון נִישְׁט זִיךְ קְרִיגְן און נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן וְכוּ׳ וְכוּ׳, און דָאס – ״אִיז בַּיי זֵיי אַ תַּעֲנִית און דֶער גְרֶעסְטֶער סִיגוּף (דְהַיְינוּ פַּיינִיקִין זִיךְ) טַייעֶרֶער גִיוֶוען פון אַלֶע תַּעֲנוּגִים פון דֶער וֶועלְט. וָוארִין זֵיי הָאבִּין גִיהַאט תַּעֲנוּג פון דֶעם גְרֶעסְטִין סִיגוּף אָדֶער פון אַ תַּעֲנִית מֶער אֵיידֶער פון אַלֶע תַּעֲנוּגִים פון דֶער וֶועלְט״.

אַז מִיר וֶועלְן גֵיין יֶעדְן טָאג הִתְבּוֹדְדוּת, מִיר וֶועלְן פָּאלְגְן דֶעם רֶבִּי׳ן – וֶועלְן מִיר אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן פון דֶעם בַּעַל תְּפִילָה׳ס לַייט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**צוּגֵיין צוּם עָמוּד יוֹם כִּיפּוּר?**

**אַ אִינְגֶערְמַאן פְּרֶעגְט:**

דֶער גַבְּאַי פוּן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ הָאט מִיךְ צוּגֶעשִׁיקְט צוּם עָמוּד צוּ אַ תְּפִלָּה אוּם יוֹם כִּיפּוּר, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין גֶעלֶעגְנְהֵייט צוּ פְּרֶעגְן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוֹיבּ אִיךְ מֶעג צוּגֵיין צוּם עָמוּד יוֹם כִּיפּוּר, אוּן לְמַעֲשֶׂה בִּין אִיךְ צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם עָמוּד, וְוִיל אִיךְ פְּרֶעגְן אוֹיבּ אִיךְ הָאבּ גוּט גֶעטוּן.

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה עֶנְטְפֶערְט:**

וָואס אַ גַבְּאַי אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ הֵייסְט דַארְף מֶען פָּאלְגְן, עֶס אִיז אַזוֹי וְוִי דֶער רֶבִּי הֵייסְט אוּן מֶען דַארְף פָּאלְגְן.

...

## דִי שְׁוֶוערִיקֵייט צוּ זַיין אַ גַבְּאַי אִין שׁוּל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י״ג מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי דִיךְ זֵייעֶר גוּט אַז דוּ הָאסְט מֶער נִישְׁט קֵיין כֹּחַ צוּ זַיין גַבְּאַי בַּיי אוּנְז אִין שׁוּל, דוּ קֶענְסְט נִישְׁט נֶעמֶען דִי וֶועג וְוִי אַזוֹי מֶען רֶעדְט וְכוּ׳ וְכוּ׳; דָאךְ וְוִיל אִיךְ דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט קוּקְן מִיט רַחְמָנוּת אוֹיף אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, דַן זַיין יֶעדְן אֵיינֶעם לְכַף זְכוּת. לְמָשָׁל דֶער אִינְגֶערְמַאן וָואס הָאט דִיךְ אָפְּגֶעזִידְלְט וְכוּ׳; וָואלְסְטוּ גֶעווּאוּסְט וָואס אוֹיף אִים גֵייט אַרִיבֶּער, וְוִי עֶר לַיידְט, זַאכְן וָואס אִיךְ קֶען נִישְׁט דֶערְצֵיילְן הַשֵּׁם יְרַחֵם - וָואלְסְטוּ גָאר אַנְדֶערְשׁ גֶעטְרַאכְט אוּן גֶעקוּקְט אוֹיף אִים, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ דֶער אִינְגֶערְמַאן וָואס הָאט וְכוּ׳ וְכוּ׳; וָואלְסְטוּ גֶעווּאוּסְט זַיין עָבַר פוּן וואוּ עֶר קוּמְט אוּן וָואס אִיז אוֹיף אִים אַרִיבֶּער אִין זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן - וָואלְסְטוּ אִים נָאר גֶעשׁוֹינְט, עֶס וָואלְט דִיר נִישְׁט גֶעשְׁטֶערְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה. נִישְׁט אַז דָאס בַּארֶעכְטִיגְט זֵיי חַס וְשָׁלוֹם, מִיר טוּט וֵויי דִי מַעֲשִׂיוֹת, מִיר שְׁטֶעכְט דִי מַעֲשִׂיוֹת אִין הַארְץ.

וָואס זָאל אִיךְ זָאגְן, וִוי אַזוֹי אִיךְ בִּין דָא אַרַיינְגֶעדְרֵייט גֶעוָוארְן אִין מַיין גַּבָּאוּת; אִיךְ בִּין בִּכְלַל נִישְׁט גֶעקוּמֶען קַיין בְּרֶסְלֶב צוּ זַיין אַ גַּבַּאי, צוּ זַיין אַ מַאן דְּאָמַר, אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען קַיין בְּרֶסְלֶב וַוייל אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר גֶעוָואלְט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן אִיךְ וִויל נָאכְאַלְץ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. נָאכְדֶעם בִּין אִיךְ גֶעוָוארְן אַ מְלַמֵּד, נָאכְדֶעם אַ מְנַהֵל אִין אַ יְשִׁיבָה, שְׁפֶּעטֶער הָאט מִיר מוֹהֲרָא"שׁ גֶעזָאגְט אִיךְ זָאל רֶעדְן צוּ מַיינֶע תַּלְמִידִים פוּן תַּכְלִית, פוּן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ מֶען הָאט מִיךְ אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן פוּן דָארְט. דֶעמָאלְט הָאט מוֹהֲרָא"שׁ מִיר גֶעזָאגְט עֶפְן אַלֵיין אַ יְשִׁיבָה, אוּן שְׁפֶּעטֶער הָאט מוֹהֲרָא"שׁ גֶעזָאגְט לֶערְן מִיט חֲתָנִים, אוּן נָאכְדֶעם לֶערְן מִיט אִינְגֶעלַייט, אוּן אַזוֹי טְרֶעף אִיךְ מִיךְ זַיין פַארְנוּמֶען מִיט קָהָל, אוּן אִיךְ זָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַוֶועקְגֵיין קוּמְט נִישְׁט אִין בַּאטְרַאכְט, וַוייל אִיךְ וֶועל אָנְהַאלְטְן וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר גֶעבֶּעטְן.

אִיךְ זָאג דִיר נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, בִּפְרַט וֶוען עֶס טְרֶעט דִיר צוּ צוּם גֶעזוּנְט; דוּ בִּיסְט אַן אֵיידֶעלֶער, דוּ קֶענְסְט נִישְׁט נֶעמֶען דִי פְּרָאסְטֶע וֶועג וִוי מֶען רֶעדְט אוּן מֶען שְׁרֵייט וְכוּ' וְכוּ', (אִיךְ קֶען עֶס נָאךְ מֶער נִישְׁט נֶעמֶען), אֶפְשָׁר זָאלְסְטוּ יָא אָפְּלָאזְן, אִיךְ זָאג דִיר נָאר אַ וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען דַארְף קוּקְן אוֹיף מֶענְטְשְׁן, מֶען דַארְף קוּקְן מִיט רַחְמָנוּת, מִיט דִי אוֹיגְן וָואס צַדִּיקִים הָאבְּן, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק, מֶען דַארְף פִירְן דִי שׁוּל אוֹיף דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג, נָאר נִישְׁט וֶוערְן אוֹיס וֶוען אֵיינֶער זָאגְט עֶפֶּעס וְכוּ'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַ אִיד מוּז פְרֶעגְן שְׁאֵלוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת וַיֵּרָא, י"ג מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב

אִיךְ הָאבּ דִיר שׁוֹין גֶעשְׁרִיבְּן זוּמֶער [דֶער בְּרִיוו אִיז בַּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו] אַז אַ אִיד מוּז פְרֶעגְן שְׁאֵלוֹת, מֶען מוּז הָאבְּן אַ דַיָּין, אוּן הֱיוֹת

אִין שְׁטֶעטְל אִיז נָאר דָא אוּנְזֶער דַיָּין פוּן דִי קְהִילָה, וָואלְט וֶוען גֶעדַארְפְט אוֹיסְקוּמֶען נָאכְן וואוֹינֶען שׁוֹין אַזַא לַאנְגֶע צַייט אִין שְׁטֶעטְל - צוּ פְרֶעגְן שְׁאֵלוֹת, אָבֶער דֶער דַיָּין שְׁלִיטָ"א זָאגְט מִיר אַז אִין שְׁטֶעטְל וואוֹינֶען אִיבֶער צְוֵויי הוּנְדֶערְט מִשְׁפָּחוֹת אוּן אַלֶע פְרֶעגְן שְׁאֵלוֹת אוֹיסֶער דוּ.

אִיךְ בִּין זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקֶן, אִיךְ וִויל וִויסְן וָואס גֵייט פָּאר, אִיךְ וַוארְט אוֹיף אַן עֶנְטְפֶער. אִין אוּנְזֶער קְהִילָה קֶען מֶען נָאר זַיין אוֹיב מֶען הִיט הֲלָכוֹת, אַז נִישְׁט קֶען מֶען נִישְׁט זַיין אִין דִי קְהִילָה אוּן אוֹיךְ נִישְׁט שִׁיקְן דִי קִינְדֶער. אִיךְ וִויל דִיךְ חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט מְרַחֵק זַיין, אִיךְ וִויל דִיךְ מְקָרֵב זַיין, אִיךְ וִויל וִויסְן אַז דַיין שְׁטוּב פִירְט זִיךְ בְּדֶרֶךְ הַתּוֹרָה. אַז דוּ וֶועסְט מִיר עֶנְטְפֶערְן אַז דוּ הָאסְט אַ דַיָּין וֶועם דוּ פְרֶעגְסְט, אוּן וֶוען דוּ הָאסְט אַ שְׁאֵלָה פָּארְסְטוּ אַרָאפּ אִין שְׁטָאט פְרֶעגְן - וֶועל אִיךְ מִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן.

בִּיטֶע אָנֶעמֶען דִי בְּרִיוו גוּט.

דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

[דֶער בְּרִיוו צוּ וֶועלְכֶע דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע בְּרִיוו בַּאצִיט זִיךְ:

**וואוּ פְרֶעגְסְטוּ דַיינֶע שְׁאֵלוֹת?**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת מַטּוֹת-מַסְעֵי, כ"ה תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ פְרֶעג כְּסֵדֶר דֶעם דַיָּין שְׁלִיטָ"א אוֹיב דִי אִינְגֶעלַייט קוּמֶען פְרֶעגְן שְׁאֵלוֹת, אוֹיב אַלֶע הִיטְן הֲלָכוֹת וְכוּ'. דֶער דַיָּין זָאגְט מִיר אַלְץ, אַלֶע קוּמֶען פְרֶעגְן, אַלֶע זֶענֶען עֶרְלִיךְ; עֶר לוֹיבְּט מִיר כְּסֵדֶר אוֹיס דִי אִינְגֶעלַייט פוּן שְׁטֶעטְל ווִי אַלֶע הִיטְן הֲלָכוֹת מִיט קְדוּשָּׁה וְטָהֳרָה.

יֶעצְט הָאט מִיר דֶער דַיָּין גֶעזָאגְט, עֶר הָאט אַריינְגֶעטְרַאכְט אַז דוּ קוּמְסְט נִישְׁט פְרֶעגְן קַיין שְׁאֵלוֹת, הָאסְט אִים נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעפְרֶעגְט קַיין שְׁאֵלָה, דָאס אִיז מִיר אַ שְׁטִיקְל וואוּנְדֶער, אַז דוּ וואוֹינְסְט שׁוֹין דָא אַ שֵׁיינֶע שְׁטִיק צַייט אוּן דוּ בִּיסְט נָאכְנִישְׁט גֶעקוּמֶען פְרֶעגְן קַיין אֵיין מָאל אַ שְׁאֵלָה.

אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶערְשְׁטְן אַז דוּ הִיטְסְט הֲלָכוֹת, וָואלְטְן מִיר גֶעוואוּנְט

אִין אַ שְׁטָאט מִיט נָאךְ דַיָּנִים וָואלְט אִיךְ גֶעטְרַאכְט זִיכֶער פְּרֶעגְסְטוּ דַיינֶע שְׁאֵלוֹת בַּיי אַ דַיָּין, מִן הַסְּתָם גֵייסְטוּ צוּ אַן אַנְדֶערֶער דַיָּין, אָבֶער דָא אִין שְׁטֶעטְל וֶוען עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאךְ דַיָּנִים - אִיז וואוּ פְּרֶעגְסְטוּ דַיינֶע שְׁאֵלוֹת?!

אַז מֶען הִיט הֲלָכוֹת הָאט מֶען גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער אוּן אַז מֶען הִיט נִישְׁט קַיין הֲלָכוֹת, מֶען הִיט נִישְׁט טָהֳרַת הַמִּשְׁפָּחָה - אִיז גֶעפֶערְלִיךְ גֶעפֶערְלִיךְ. ווִיל אִיךְ דִיךְ מְחַזֵּק זַיין זָאלְסְט פְּרֶעגְן דַיינֶע שְׁאֵלוֹת בַּיים דַיָּין, זָאלְסְט הִיטְן הֲלָכוֹת, דַיין שְׁטוּב זָאל זַיין גֶעבּוֹיט אוֹיף דִי תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

[...

## אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דָאס חֲתוּנָה מַאכְן בְּחִנָּם

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י"ג מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מו"ה ... נ"י**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר'ן מְנַדֵּב זַיין פְלֵייש פַּאר דִי קוּמֶענְדִיגֶע צֶען חֲתוּנוֹת אִין יְשִׁיבָה.

עֶס אִיז כְּדַאי זָאלְסְט קוּמֶען קוּקְן ווִי דִי חֲתוּנוֹת זֶעעֶן אוֹיס, אֶפְשָׁר וֶועסְטוּ דָאס קֶענֶען אַרַיינְבְּרֶענְגֶען בַּיי דִיר אִין דִי קְהִילָה; מֶען זָאל קֶענֶען חֲתוּנָה הָאבְּן אִין אַ שׁוּל בְּחִנָּם אַזוֹי ווִי עֶס אִיז גֶעוֶוען אִינְדֶערְהֵיים אִין אַלֶע דוֹרוֹת בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, דִי חוּפָּה אִיז גֶעוֶוען אִין הוֹיף פוּנֶעם שׁוּל, אוּן דִי חֲתוּנָה אִיז גֶעוֶוען פָּשׁוּט, מִיט אֶמֶת'ֶע שִׂמְחָה.

מִיר הָאבְּן דִי וָואךְ גֶעהַאט דִי הוּנְדֶערְטְסְטֶע חֲתוּנָה, הוּנְדֶערְט חֲתוּנוֹת מֵיינְט אַז צְוֵויי הוּנְדֶערְט מְחוּתָּנִים הָאבְּן חֲתוּנָה גֶעמַאכְט בְּחִנָּם; נִישְׁט נָאר דִי בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אִיז אוּמְזִיסְט נָאר אַלֶעס אִיז בְּחִנָּם. דֶער שַׁמָּשׁ רוּפְט אוֹיס אוּן גְרַאמְט אוֹיס, דִי בָּחוּרִים מַאכְן דִי עֶסְן מִיט דִי מוּזִיק, בַּיי דִי פְרוֹיעֶן מַאכְן דִי מֵיידְלֶעךְ פוּן סְקוּל דִי עֶסְן, דִי אוֹיסְטֵיילְן, דִי אָנְגְרֵייטְן, אַלֶעס, אוֹיךְ דִי הָאר פַּאר דִי מִשְׁפָּחָה מִיט דִי פָּנִים'ֶער וְכוּ'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט קֶענֶען דָאס אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין

ענְקֶער קְהִילָה, שְׁפָּארְן גֶעלְט פַאר עַמְךְ אִידְן, אוּן אַיינְשְׁפָּארְן גֶעזוּנְט פְּרָאבְּלֶעמֶען פַאר עֶלְטֶערְן, זֵיי זָאלְן קֶענֶען מַאכְן שִׂמְחוֹת מִיט שִׂמְחָה.

...

## הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ זִיךְ פִירְן ווִי דִי צְוֵויי צַדִיקִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיֵרָא, י"ג מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן
**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דָאנֶערְשְׁטָאג נַאכְט פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, כ"ה תִּשְׁרֵי - אִיז מִיר גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן מַיין זוּן עַמְרָם נֵרוֹ יָאִיר. אִין שְׁפִּיטָאל בַּיינַאכְט הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעכַאפְּט אַז דֶער טָאג אִיז אַ גְרוֹיסֶער טָאג, דִי יָארְצַייט פוּן הֵיילִיגְן קְדוֹשַׁת לֵוִי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן פוּן הֵיילִיגְן חֲתַם סוֹפֵר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, דִי צְוֵויי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים הָאבְּן גֶעהַאט זֵייעֶרֶע וֶועגְן אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם; דֶער הֵיילִיגֶער קְדוֹשַׁת לֵוִי הָאט גֶענוּמֶען דִי וֶועג פוּן מְלַמֵד זְכוּת זַיין אוֹיף יֶעדְן אִיד, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֵר הָאט אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט דִי וֶועג פוּן הִתְבַּדְלוּת, זִיךְ אָפְּטֵיילְן פוּן מִינִים אוּן אַפִּיקוֹרְסִים.

אִיךְ הָאבּ זִיךְ דֶערְמַאנְט וָואס מוֹהֲרָא"ש זָאגְט, אוֹיף דִי צְוֵויי וֶועגְן הָאט עֶר אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט קְהִלוֹת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, מֶען זָאל זִיךְ פִירְן ווִי בֵּיידֶע צַדִיקִים. דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אִיז הֲלָכָה, זִיךְ נִישְׁט אַוֶועק רִירְן פוּן הֲלָכָה, שִׁיטַת חֲתַם סוֹפֵר, נִישְׁט מְשַׁנֶה זַיין קַיין רִיר פוּן מְסוֹרֶת אָבוֹת, יֵשׁ לָנוּ אָב זָקֵן הוּא לֹא נִשְׁתַּנָה. אוּן דִי צְווייטֶע זַאךְ אִיז, קוּקְן גוּט אוֹיף אַנְדֶערֶע, זוּכְן דָאס גוּטְס אִין אַלֶעמֶען, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער קְדוֹשַׁת לֵוִי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַלְץ דֶערְצֵיילְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן אִידְן, עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג אוֹיפְגֶעזוּכְט דָאס גוּטְס אִין אַנְדֶערֶע, אַזוֹי זָאל זִיךְ פִירְן דִי קְהִילָה; מֶען זָאל אוֹיפְזוּכְן דָאס גוּטְס אִין יֶעדְן אֵיינֶעם.

אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר הָאט אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוּן מִיךְ גֶעבְּרֶענְגְט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען צוּ מוֹהֲרָא"שׁ וָואס מַאכְט אוּנְזֶער מֹחַ זָאל זַיין בַּאלַאנְצִירְט; פוּן אֵיין זַייט

פַארְלַאנְגְט מֶען דָאס מֶערְסְטֶע, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט יֶעדֶע פִּינְטֶעלֶע וָואס מֶען הָאט יָא.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דָאס וַוייל אִיךְ ווִיל דוּ זָאלְסְט אַזוֹי פִירְן דִי יְשִׁיבָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דַאוֶּוענֶען, לֶערְנֶען, אוּן שְׁלוֹם בַּיִת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י"ג מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

... נֵרוֹ יָאִיר

שְׁטַארְק זִיךְ בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, דַאוֶּוענֶען אוּן לֶערְנֶען אוּן מִיט שָׁלוֹם בַּיִת. דִי דְרֵיי זַאכְן הָאט מִיר מוֹהֲרָא"שׁ גֶעזָאגְט צוּ רֶעדְן מִיט מֶענְטְשְׁן; פוּן לֶערְנֶען כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ, פוּן תְּפִלָּה אוּן פוּן שָׁלוֹם בַּיִת. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר גֶעזָאגְט, דָאס אִיז פְּשַׁט וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן ב): "וְהָאֱמֶת מֵאִיר בְּרִבּוּעַ הַדִּבּוּר הַנַּ"ל עַל יְדֵי שְׁלֹשָׁה שֵׁמוֹת הַנַּ"ל שֶׁהֵם קֵל, אֱלֹקִים, ה', שֶׁהֵם בְּחִינַת תְּפִלָּה, וְתוֹרָה, וְשִׁדּוּכִים וְזִוּוּגִים", כָּל זְמַן מֶען רֶעדְט פוּן דִי דְרַיי זַאכְן אִיז דָאס אֱמֶת'דִיג גֶערֶעדְט, אַלֶעס אַנְדֶערְשׁ אִיז נִישְׁט קֵיין דִיבּוּרִים.

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, לֶערְנֶען אוּן דַאוֶּוענֶען אוּן מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת וַחֲקִירוֹת כְּלַל וּכְלָל לֹא, וַוייל דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע חָכְמָה, אַוֶּועק צוּ וַוארְפְן אַלֶע חָכְמוֹת אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן חָכְמוֹת, נָאר זַיין פָּשׁוּט בְּתַכְלִית הַפְּשִׁטוּת.

גֵיי שְׁלָאפְן צַייטְלִיךְ, שְׁטֵיי אוֹיף פְרִי, זַיי זִיךְ קוֹבֵעַ צוּ לֶערְנֶען אַלֶע דַיינֶע שִׁיעוּרִים קְבוּעִים - חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, יוֹם תְּהִלִּים, חוּמָשׁ, גְמָרָא - פַארְטָאגְס, אַז בַּיים גֵיין אִין אָפִּיס זָאלְסְטוּ שׁוֹין זַיין גוּט אָנְגֶעפִילְט מִיט אַסַאךְ תּוֹרָה, וֶועט דִי גַאנְצֶע טָאג גֵיין גָאר אַנְדֶערְשׁ.

...

**דַאוֶונֶען אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ נָאכְן סוֹף זְמַן תְּפִלָּה?**

**שְׁאֵלָה:**

אִיךְ הָאבּ אַלְץ מַקְפִּיד גֶעוֶוען צוּ דַאוֶונֶען שַׁבָּת פַּאר זְמַן תְּפִלָּה, אִיךְ וִויל וִויסְן אוֹיבּ עֶס אִיז כְּדַאי צוּ קוּמֶען דַאוֶונֶען אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אוּן דַאוֶונֶען נָאךְ זְמַן תְּפִלָּה?

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה עֶנְטְפֶערְט:**

עֶס אִיז כְּדַאי צוּ דַאוֶונֶען מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ; עֶס אִיז כְּדַאי פַּאר זִיךְ אוּן פַּאר דִי קִינְדֶער.

...

**גְלֵייבּ בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז אַלֶעס אִיז לְטוֹבָה**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י"ג מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין מֶעסֶעדְזְשׁ.

דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ אוּן שְׁפְּרִינְג אִיבֶּער אוֹיף דַיינֶע שְׁוֶוערֶע טֶעג. דֶער רֶבִּי זָאגְט, אַלֶעס קֶען מֶען אַרִיבֶּערְגֵיין, אַלֶע מְנִיעוֹת, אָבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט צוּ זִיךְ אַלֵיין, מֶען הָאט קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָדֶער אוֹיפְן צַדִיק - דָאס אִיז שְׁוֶוערֶע שְׁוֶוערֶע מְנִיעוֹת. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן מו): "וְהַמְּנִיעָה הַגְּדוֹלָה הִיא מְנִיעַת הַמֹּחַ", דִי גְרֶעסְטֶע מְנִיעָה אִיז דֶער מֶענְטְשׁ אַלֵיינְס, "שֶׁמֹּחוֹ וְלִבּוֹ חֲלוּקִים מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", וֶוען מֶען הָאט קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אָדֶער אוֹיפְן צַדִיק.

וָואס אִיז דִי עֵצָה? "לִצְעֹק לְאָבִיו", צוּ שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "מֵעֹמֶק הַלֵּב", פוּן דִי טִיפֶענִישׁ פוּן הַאַרְץ; נָאר דָאס אִיז דִי עֵצָה נִישְׁט אַוֶועק צוּ פַאלְן.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר לִיבֶּער חַבֵר, הָאבּ נִישְׁט קֵיין טַעֲנוֹת חַס וְשָׁלוֹם אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם וָואס דוּ גֵייסְט יֶעצְט אַרִיבֶּער, אוּן אוֹיךְ נִישְׁט אוֹיפְן צַדִיק; גְלֵייבּ בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז אַלֶעס אִיז לְטוֹבָה, דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיךְ אוֹיף דֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אוּן בְּלַייבְּן פֶּעלְזְן פֶּעסְט בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אָמֵן.

...

## זִיךְ אַרוֹיפְכַאפְּן טֶעגְלִיךְ בַּיים צִיוּן פוּן הֵיילִיגְן צַדִיק

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י"ד מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת יוֹאֵל

אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ שְׁטַארְקְסְט זִיךְ אִין דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, מִיט תּוֹרָה וּתְפִלָּה אוּן מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, אִיךְ הָאף זֵייעֶר אַז דַיין שְׁטוּב אִיז אָפְּגֶעהִיטְן פוּן כֵּלִים וָואס מֶען קֶען זֶען עֲבֵירוֹת אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

זַיי זִיךְ קוֹבֵעַ צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ מִיטְן תַּרְגוּם לוֹיט דִי טֶעג פוּן דִי וָואךְ, זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען שַׁ"ס כְּסִדְרָן, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זָאגְן דֶעם יוֹם תְּהִלִים יֶעדְן טָאג.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ אַרוֹיפְכַאפְּן טֶעגְלִיךְ בַּיים צִיוּן פוּן הֵיילִיגְן צַדִיק, דֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ מְסַאטְמֶער, זָאג דָארְט דִי תִּיקוּן הַכְּלָלִי אוּן בֶּעט פַאר דִיר אוּן פַאר דַיין מִשְׁפָּחָה, אוֹיךְ בֶּעט פַאר מִיר יוֹאֵל בֶּן רַייצָא רֶעכִיל, אִיךְ זָאל קֶענֶען אָנְגֵיין מִיט דִי יְשִׁיבָה וְכוּ'.

...

## אַלְץ זַיין אִין אַ גוּטֶע גוּסְטֶע

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י"ד מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

שְׁרַייבּ מִיר בְּרִיוו, אִיךְ ווִיל זַיין נָאנְט מִיט דִיר, שְׁרַייבּ מִיר פוּן דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, פוּן דַיינֶע שִׁיעוּרִים, אִיךְ ווִיל זַיין בְּקֶשֶׁר מִיט דִיר.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, דָאס וֶועט דִיר רֵיינִיגְן דַיין נְשָׁמָה, עֶס וֶועט דִיר בְּרֶענְגֶען אַלֶעס גוּטְס.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ גֵיין יֶעדְן טָאג הִתְבּוֹדְדוּת, מַאךְ זִיךְ אַ קְבִיעוּת צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַפָּאר מִינוּט יֶעדְן טָאג, דֶערְצֵייל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס בַּאדֶערְט דִיךְ, וָואס שְׁטֶערְט דִיךְ, שְׁמוּעֶס מִיט אִים אַזוֹי וִוי מֶען שְׁמוּעֶסְט מִיט אַ גוּטֶע פְרַיינְד; וֶועסְטוּ זִיךְ שְׁפִּירְן פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן, וֶועסְט אַלְץ זַיין אִין אַ גוּטֶע גוּסְטֶע.

אִיךְ הָאף צוּ זַיין דַיין שַׁדְכָן בְּקָרוֹב.

...

## אִין שׁוּל טָאר מֶען נִישְׁט רֶעדְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י״ד מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הֶער זֵייעֶר גוּטֶע גְרִיסְן פוּן דַיין הַתְמָדַת הַתּוֹרָה, וִוי דוּ לֶערְנְסְט פְלַייסִיג, אוּן פוּן דַיין יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן עֲבוֹדַת הַשֵּׁם; אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ זַיין דַיין שַׁדְכָן בְּקָרוֹב.

נֶעם זִיךְ פָּאר נִישְׁט צוּ רֶעדְן בַּיים דַאוֶונֶען, זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין; אוֹיב אִיז עֶס גָאר וִויכְטִיג זָאלְסְטוּ אַרוֹיסְגֵיין פוּן שׁוּל, וַוייל אִין שׁוּל טָאר מֶען נִישְׁט רֶעדְן, עֶס אִיז זֵייעֶר הַארְבּ צוּ רֶעדְן בַּיים דַאוֶונֶען אִין שׁוּל, דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר שְׁרַייבְּט זֵייעֶר שַׁארְף אוֹיבּ מֶען רֶעדְט אִין שׁוּל (פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, דַף קלא ע״ב), אוּן אַזוֹי אוֹיךְ פַּארְקֶערְט, מִדָּה טוֹבָה מְרוּבָּה, דִי יְשׁוּעוֹת אוּן הַצְלָחָה קוּמְט זֵייעֶר שְׁנֶעל פַאר דֶעם וָואס אִיז מְכַבֵּד בֵּית הַשֵּׁם.

אִיךְ הָאבּ דִיךְ זֵייעֶר לִיבּ.

...

## שׁוֹין אַ גֶעהָאלְפֶענֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י״ד מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

... נֵרוֹ יָאִיר

וָואס וָואלְטְן מִיר גֶעטוּן אָנֶעם רֶבִּי׳ן? אָן דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת? דָאס

וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר מוֹהַרְנַ"ת בַּיים שְׁפַּאצִירְן מִיט אִים, וֶוען מוֹהַרְנַ"ת הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעגָאסְן זַיין הַארְץ ווִי שְׁטַארְק עֶר ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, הָאט אִים דֶער רֶבִּי אַרוּמְגֶענוּמֶען אוֹיף זַיין אַקְסְל אוּן אִים גֶעזָאגְט: "עֶס אִיז גוּט דָאס אַלֶעס צוּ דֶערְצֵיילְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן", דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט עֶר זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי ווִי מֶען רֶעדְט צוּ אַ גוּטֶער פְרֵיינְד, מוֹהַרְנַ"ת הָאט שְׁפֶּעטֶער דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט דֶעמָאלְט גֶעשְׁפִּירְט ווִי עֶר אִיז שׁוֹין אַ גֶעהָאלְפֶענֶער, מִיט דִי עֵצָה וֶועט עֶר יָא מַצְלִיחַ זַיין.

טַייעֶרֶער לִיבֶּער בְּרוּדֶער, מִיר דַארְפְן זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז מִיר זֶענֶען מְקוּרָב צוּם רֶבִּי'ן, אוּן אַז מִיר הָאבְן אַזֶעלְכֶע זִיסֶע עֵצוֹת ווִי אַזוֹי זִיךְ מְחַזֵק צוּ זַיין.

שְׁטַארְק זִיךְ צוּ לֶערְנֶען שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, תִּיקוּנִים אוּן סֵפֶר לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן; זַיי זִיךְ מִשְׁתַּדֵּל דָאס צוּ עֶנְדִיגְן יֶעדְן חוֹדֶשׁ.

...

## דִי גָאלְדֶענֶע ווִינְטֶער נֶעכְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י"ד מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מֶען הָאט שׁוֹין צוּרִיק גֶערוּקְט דִי זֵייגֶער, עֶס וֶוערְט פְרִי נַאכְט, מֶען קֶען זִיךְ לֵייגְן פְרִי שְׁלָאפְן אוּן אוֹיפְשְׁטֵיין פְרִי, אוֹיסְנִיצְן דִי צַייט; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פִּנְחָס קָארִיצֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט זָאגְן אוֹיף דִי ווִינְטֶער נֶעכְט 'דִי גָאלְדֶענֶע נֶעכְט', ווַייל מֶען קֶען אִין דִי נֶעכְט זֵייעֶר אַסַאךְ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

גֵיי נִישְׁט בַּיינַאכְט מִיט חֲבֵרִים, זָאלְסְט נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין בַּיינַאכְט פוּן שְׁטוּבּ, דַאוֶוען מַעֲרִיב וָואס פְרִיעֶר אוּן בְּלַייבּ אִין שְׁטוּבּ. פַאר אֵיינֶעם אִיז גְרִינְגֶער צוּ לֶערְנֶען בַּיינַאכְט אוּן פַאר אֵיינֶעם אִיז גְרִינְגֶער אוֹיפְצוּשְׁטֵיין לֶערְנֶען פַארְטָאגְס, נִישְׁט קֵיין חִילוּק, בֵּיידֶע זֶענֶען חָשׁוּב, בֵּיידֶע זֶענֶען גוּט,

נָאר בְּלַייבּ אִין שְׁטוּבּ; אָדֶער גֵיי שְׁלָאפְן פְרִי און שְׁטֵיי אוֹיף פְרִי, אָדֶער לֶערְן אִין שְׁטוּבּ דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אַז אַ אִינְגֶערְמַאן הָאט נִישְׁט וָואס צוּ זַיין אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטוּבּ בַּיינַאכְט, נָאר בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ לֶערְנֶען אִין שְׁטוּבּ. אַז דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען אִין שְׁטוּבּ - וֶועט דַיין וַוייבּ זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן, זִי וֶועט דִיךְ מַחְשִׁיב זַיין, זִי וֶועט דִיךְ אַרוֹיפְקוּקְן, דַיין שָׁלוֹם בַּיִת וֶועט וֶוערְן גָאר גוּט.

אֲפִילוּ פְרַייטָאג צוּ נַאכְט, וֶוען עֶס אִיז אַיינְגֶעפִירְט בַּיי אַנְדֶערֶע פְלֶעצֶער צוּ גֵיין צוּ טִישְׁן וְכוּ' - אִיז בַּיי אוּנְז נִישְׁט אַזוֹי. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, אַ אִינְגֶערְמַאן הָאט נִישְׁט וָואס אַרוֹיס צוּ גֵיין פְרַייטָאג צוּ נַאכְט, נָאר בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי וַוייבּ, און אִיךְ הָאבּ שׁוֹין כַּמָּה פְּעָמִים גֶעזָאגְט אַז מֶען זָאל נִישְׁט קוּמֶען צוּ מִיר פְרַייטָאג צוּ נַאכְט, אִינְגֶעלַייט בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי וַוייבּ.

מַאךְ זִיךְ אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה דוּרְךְ לֶערְנֶען אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת און עֶנְדִיגְן יֶעדְן חוֹדֶשׁ שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, מֶען בַּאקוּמְט אַ רֵיינֶע נְשָׁמָה, אַ רֵיינֶע מֹחַ, מֶען וֶוערְט רֵיין פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. אִין אָנְהֵייבּ וֶועט דָאס זַיין שְׁוֶוער, אָבֶּער אַז דוּ וֶועסְט זַיין שְׁטַארְק מִיט דֶעם טָאג נָאךְ טָאג, וָואךְ נָאךְ וָואךְ, חוֹדֶשׁ נָאךְ חוֹדֶשׁ - וֶועסְטוּ נִישְׁט קֶענֶען אָן דֶעם, עֶס וֶועט זַיין וִוי עֶסְן פַאר דִיר, דוּ וֶועסְט נִישְׁט שְׁפִּירְן זַאט נָאר נָאכְן גוֹרֵס זַיין חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## טַעֲנוֹת אוֹיפְן מְנַהֵל, אָדֶער הַכָּרַת הַטּוֹב?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת וַיֵּרָא, י"ד מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

... נֵרוֹ יָאִיר, יְרוּשָׁלַיִם

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ הֶער דַיינֶע טַעֲנוֹת, אִיךְ ווִיל דִיר זָאגְן, עֶרְשְׁטְנְס עֶס אִיז נַאכְנִישְׁט

גֶעבְּלִיבְּן אַז מֶען פִּירְט אַרִיבֶּער דִי מוֹסְדוֹת קַיין בֵּית שֶׁמֶשׁ. צְוֵוייטְנְס, דָאס אִיז מַיין גֶעדַאנְק, נִישְׁט דֶער מְנַהֵל; פַּארְקֶערְט, דֶער מְנַהֵל וִויל נִישְׁט פַּארְמַאכְן, דָאס הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט, אַז וָואס אִיז אַנְדֶערְשׁ בַּיי עֶנְק וִוי אִין אַמֶערִיקֶע, מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין מוֹסְדוֹת אִין יֶעדֶע צְוֵוייטֶע שְׁטָאט, מִיר הָאבְּן אֵיינְס אִין צָפוֹן אוּן אֵיינְס אִין מֶרְכַּז, וָואס אִיז אִין אֶרֶץ הַקוֹדֶשׁ אַנְדֶערְשׁ? פַארְוָואס קֶענֶען דִי קִינְדֶער נִישְׁט פָּארְן אַזוֹי וִוי בַּיי אוּנְז וָואס קִינְדֶער פָּארְן יֶעדְן טָאג אַ שָׁעָה מִיט אַ בָּאס?

אִיךְ זָאג נִישְׁט אַז מֶען גֵייט טַאקֶע אַזוֹי טוּן, אָבֶּער אִיךְ וִויל זָאלְסְט פַּארְשְׁטֵיין וָואס דָא גֵייט פָּאר, פוּן וואוּ זָאל אִיךְ נֶעמֶען יֶעדֶע חוֹדֶשׁ זֶעכְצִיג טוֹיזְנְט דָאלֶער? וָואס אִיז אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ אַז קִינְדֶער פָּארְן? יֶעצְט קוּמֶען דָאךְ אוֹיךְ קִינְדֶער מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה פוּן בֵּית שֶׁמֶשׁ קַיין יְרוּשָׁלַיִם? אִיז וָואס אִיז אַז מֶען וֶועט דָאס מַאכְן פַּארְקֶערְט, אַז מִיר הָאבְּן בַּאקוּמֶען אַ פְּלַאץ פַּאר דִי חֵדֶר אוּן בֵּית פֵּיגָא, אַ גְרוֹיסֶע פְּלַאץ, אַ פְּלַאץ בְּהַרְחָבָה, אִיז וָואס אִיז אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ?

דָאס אִיז קְלָאר אַז דוּ זָאלְסְט הָאבְּן הַכָּרַת הַטוֹב פַארְן מְנַהֵל וָואס גֶעבְּט זִיךְ אַזוֹי אַוֶועק פַאר דִי קִינְדֶער, אִים רוּפְן כְּסֵדֶר זִיךְ בַּאדַאנְקֶען אוּן אִים פְרֶעגְן וָואס מֶען קֶען הֶעלְפְן. אִיךְ וִויל הֶערְן פוּן דֶער מְנַהֵל אוּן פוּן דִי אָפִּיס אַז דוּ בִּיסְט פוּן דִי וָואס זוּכְן צוּ הֶעלְפְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער נִישְׁט וֵויי צוּ טוּן קֵיין שׁוּם אִיד**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י״ד מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בִּין מוֹחֵל דִי בִּזְיוֹנוֹת וָואס דִי קִינְדֶער מַאכְן מִיר, אוּן אַז דַיין זוּן אִיז פוּן דִי שְׁכֵנִים וָואס פַארְשֶׁעמֶען מִיךְ כְּסֵדֶר אִין גַאס, מֶען בַּאזִידְלְט מִיךְ - בִּין

אִיךְ מוֹחֵל, אָבֶער וָואס וֶועט זַיין מִיט זַיין חִינוּךְ? דַארְפְסְט אִים לֶערְנֶען אַז מֶען טָאר נִישְׁט וֵויי טוּן קֵיין שׁוּם אִיד, מֶען שְׁרֵייט נִישְׁט אוֹיף קֵיין שׁוּם אִיד, דָאס דַארְף מֶען לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶער, אֲפִילוּ מִיר הַאלְטְן נִישְׁט פוּן דִי וֶועג דַארְף מֶען נָאכְאַלְץ מְכַבֵּד זַיין אַ צְוֵוייטֶע אִיד.

זָאלְסְט הָאבְּן אַסַאךְ הַצְלָחָה.

...

## נָאךְ אַ שִׂיחָה, נָאךְ אַ דִיבּוּר, נָאךְ אַ וָוארְט, נָאךְ אַן אָטֶעם פוּן רֶבִּי'ן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת וַיֵרָא, ט"ו מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

וָואס הָאסְטוּ מִיט אַ צְוֵוייטְן? וָואס קוּקְסְטוּ אוֹיף אַ צְוֵוייטְן? אַוַדַאי אַז מֶען קוּקְט אוֹיף דֶעם און יֶענֶעם הָאט מֶען חֲלִישׁוּת הַדַעַת, יֶעדְן טָאג אַ פְּרִישֶׁע בִּלְבּוּל, פְּרִישֶׁע מַעֲשִׂיוֹת; אָבֶער דֶער וָואס קוּקְט אוֹיף זִיךְ, עֶר קוּקְט 'וָואס בַּאקוּם אִיךְ בַּיים רֶבִּי'ן? וָואס קוֹיף אִיךְ דָא אַיין?' - דֶער וֶוערְט נִישְׁט צֶעטוּמְלְט.

דֶערְמַאן זִיךְ פַארְוָואס דוּ בִּיסְטוּ גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, דֶערְמַאן זִיךְ דִי סִיבָּה; הָאסְט גֶעזוּכְט אַ וֶועג וִוי צוּ זַיין אַ אִיד, אַ וֶועג וִוי צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען תּוֹרָה, אַ וֶועג וִוי צוּ קֶענֶען הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת, און דָאס הָאסְטוּ גֶעפוּנֶען, אִיז וָואס דַארְף דִיךְ שְׁטֶערְן דָאס און יֶענְץ? פַארְגֶעס נִישְׁט פַארְוָואס דוּ בִּיסְט בִּכְלַל גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, פַארְגֶעס נִישְׁט וִוי אַזוֹי דוּ בִּיסְט גֶעקוּמֶען, בַּיי דַיין הִתְקָרְבוּת הָאט דִיר גָארְנִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט, נִישְׁט יַעֲנְקְל, נִישְׁט גֶעצְל, נִישְׁט גְּרוֹנָם, הָאסְט נָאר גֶעוָואלְט הֶערְן נָאךְ אַ שִׂיחָה, נָאךְ אַ דִיבּוּר, נָאךְ אַ וָוארְט, נָאךְ אַן אָטֶעם פוּן רֶבִּי'ן, אִיז וָואס אִיז יֶעצְט גֶעשֶׁען מִיט דִיר?

גֶעדֶענְק וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעבֶּעטְן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נא): "אֶת זֶה תְּקַבְּלוּ מִמֶּנִּי שֶׁלֹּא יַטְעֶה אֶתְכֶם הָעוֹלָם", דָאס זָאלְט אִיר מְקַבֵּל זַיין פוּן מִיר, דִי וֶועלְט זָאל אַייךְ נִישְׁט אָפְּנַארְן, "כִּי הָעוֹלָם מַטְעֶה מְאֹד", וַוייל דִי וֶועלְט

נַארְט זֵייעֶר; נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי אוּנְז גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנד), אוֹיף צְוֵויי כִּיתּוֹת מֶענְטְשְׁן הָאבּ אִיךְ גְרוֹיס רַחְמָנוּת, אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען נִישְׁט מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּ מִיר, אוּן אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן יָא גֶעוואוּסְט פוּן מִיר אָבֶּער הָאבְּן מִיךְ נִישְׁט גֶעפָּאלְגְט, וַוייל אִיךְ וֵוייס אַז עֶס וֶועט קוּמֶען אַ צַייט וֶוען מֶען וֶועט לִיגְן מִיט דִי פִּיס צוּם טִיר, דֶעמָאלְט וֶועט דֶער מֶענְטְשׁ גְרוֹיס חֲרָטָה הָאבְּן פַארְוָואס עֶר אִיז נִישְׁט מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּ מִיר אוּן פַארְוָואס עֶר הָאט מִיךְ נִישְׁט גֶעפָּאלְגְט, וַוייל אוֹיבּ וָואלְט עֶר גֶעוֶוען מְקוּרָב צוּ מִיר אוּן מִיךְ גֶעפָּאלְגְט, וָואלְט נִישְׁט גֶעוֶוען קֵיין דַרְגָּא אוֹיף דִי וֶועלְט וָואס עֶר וָואלְט נִישְׁט צוּגֶעקוּמֶען דֶערְצוּ, אָבֶּער דֶעמָאלְט וֶועט שׁוֹין גָארְנִישְׁט נִיצְן, עֶס וֶועט שׁוֹין זַיין צוּ שְׁפֶּעט.

גֶעבּ זִיךְ אַכְטוּנְג פוּן לֵצִים, אֲפִילוּ בְּתוֹכֵנוּ. בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט נִישְׁט הָאבְּן מִיט אָפְּגֶעקִילְטֶע מְקוּרָבִים, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז דֶער אָפְּגֶעקִילְטֶער מְקוּרָב אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה, מֶען כַאפְּט זִיךְ נִישְׁט אַז מֶען דַארְף זִיךְ הִיטְן, אוּן מֶען שְׁמוּעֶסְט, מֶען לַאכְט, מֶען הֶערְט וֶוערְטְלֶעךְ, אוּן דִי וֶוערְטְל קִילְט אָפּ אַז מֶען קֶען מֶער נִישְׁט הֶערְן דִי חִיזּוּק אוּן דִי הַדְרָכָה וְכוּ'.

הַיינְט נַאכְט וֶועט זַיין דִי שִׁיעוּר אִין יְשִׁיבָה אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## לֵייגְן אַ פִילְטֶער אוֹיפְן טֶעלֶעפָאן אִיז נִישְׁט קֵיין פְרוּמֶע זַאךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת וַיֵּרָא, ט"ו מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

לֵייגְן אַ פִילְטֶער אוֹיפְן טֶעלֶעפָאן אִיז נִישְׁט קֵיין פְרוּמֶע זַאךְ, וָואס נָאר פְרוּמֶע טוּעֶן אוּן דֶער וָואס הָאט פַיינְט פְרוּמְקֵייט לֵייגְט נִישְׁט; לֵייגְן אַ פִילְטֶער אוֹיפְן טֶעלֶעפָאן אִיז אַ זַאךְ וָואס אַלֶע דַארְפְן, אוּן זִיכֶער אַז מֶען הָאט אַ שְׁטוּבּ מִיט קִינְדֶער קֶען דָאס זַיין זֵייעֶר שֶׁעדְלִיךְ, עֶס קֶען זִיךְ עֶנְדִיגְן זֵייעֶר נִישְׁט גוּט.

דוּ הָאסְט נִישְׁט לִיבּ דִי תַּקָּנוֹת וָואס דִי רַבָּנִים מַאכְן (אִיךְ וֵייס נִישְׁט פַארְוָואס), דִי אַלֶע תַּקָּנוֹת אִיז נָאר דִיר צוּ הֶעלְפְן, דַיינֶע דוֹרוֹת זָאלְן בְּלַייבְּן עֶרְלִיךְ.

אוֹיךְ זֶע אִיךְ דִיךְ לֶעצְטְנְס, דוּ וֶועסְט נִישְׁט אוֹיס פְרֵיילִיךְ, וֶועסְט אוֹיס זֵייעֶר פַארְזָארְגְט, (קֶען זַיין דָאס אִיז פוּן זִיצְן מִיטְן טֶעלֶעפָאן), אֶפְשָׁר אִיז צַייט צוּרִיק אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ מִיטְן תַּרְגוּם, מִשְׁנָיוֹת, גְמָרָא, תְּהִלִּים; דִי זֶענֶען בֶּעסֶערֶע חֲבֵרִים פַאר דִיר ווִי דִי נַייעֶ חֲבֵרִים, דִי טֶעלֶעפָאן וְכוּ'.

...

## אֵיינֶער רוּפְט בֶּעטְן חִיזוּק, זָאלְט אִיר אִיר גֶעבְּן חִיזוּק

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת וַיֵּרָא, ט"ז מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'

וֶועגְן דִי מֵיידְל וָואס רוּפְט אַייךְ וְכוּ'; אִיךְ ווִיל אַייךְ בֶּעטְן אִיר זָאלְט אִיר יָא אוֹיפְהֵייבְּן דִי טֶעלֶעפָאן אוּן אוֹיסְהֶערְן. אִיר שְׁוֶועסְטֶער אִיז נֶעבֶּעךְ פַארְפַאלְן מִיט אַן אַרַאבֶּער רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן יֶעצְט הָאט זִי אוֹיךְ שׁוֹין אַ נִסָּיוֹן מִיט אַן אַרַאבֶּער, אוּן אַז זִי רוּפְט אַייךְ זָאלְט אִיר זִי גֶעבְּן וַוארֶעמֶע וֶוערְטֶער אוּן אִיר רַאטֶעוֶוען פוּן אַוֶועק פַאלְן.

נֶעמְט דֶעם כְּלָל, אַז אֵיינֶער רוּפְט אַייךְ בֶּעטְן חִיזוּק זָאלְט אִיר אִיר גֶעבְּן חִיזוּק, וַוייל מוֹהֲרַא"שׁ זָאגְט (אֶרֶךְ אַפַּיִם, פֶּרֶק ח): "וְקַבָּלָה מִפִּי זִקְנֵי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ", אִיךְ הָאבּ מְקוּבָּל פוּן בְּרֶסְלֶבֶ'ע חֲסִידִים, "מִי הוּא הַתַּלְמִיד הָגוּן שֶׁאַתָּה צָרִיךְ לְדַבֵּר עִמּוֹ", ווִי אַזוֹי וֵוייסְט מֶען וֶוער אִיז דֶער תַּלְמִיד הָגוּן וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ס) - אַז מֶען דַארְף רֶעדְן מִיט אַ תַּלְמִיד הָגוּן? "זֶהוּ שֶׁבָּא מֵעַצְמוֹ אֵלֶיךָ", דֶער וָואס אִיז גֶעקוּמֶען פוּן זִיךְ אַלֵיין רֶעדְן צוּ דִיר, "זֶהוּ בִּכְלַל הַתַּלְמִיד הָגוּן לְפִי בְּחִינָתְךָ, וְצָרִיךְ אַתָּה דַּיְקָא לְדַבֵּר עִמּוֹ", דוּ דַארְפְסְט מִיט אִים רֶעדְן אוּן אִים מְחַזֵּק זַיין; דֶער עִיקָר זָאלְט אִיר זִי אוֹיסְהֶערְן אוּן מִיט שְׁפִּירְן אִיר צַעַר אוּן וֵוייטָאג אוּן אִיר מְחַזֵּק זַיין אוֹיף הִתְבּוֹדְדוּת אוּן אַרַיינְשַׁיינֶען אִין אִיר תִּקְוָה, הָאפֶענוּנְג.

און אַז אִיר הָאט נִישְׁט קֵיין וֶוערְטֶער וָואס אִיר צוּ זָאגְן, זָאלְט אִיר זִי גֶעבְּן אַ נוּמֶער פוּן אַ פְּרוֹי פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס וֶועט אִיר קֶענֶען מְחַזֵּק זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## גֵיין נָאךְ גֶעלְט פַאר דִי יְשִׁיבָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, ט"ז מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, מַגִּיד שִׁיעוּר יְשִׁיבַת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַמָאל הָאבּ אִיךְ דֶערְצֵיילְט פַאר מוֹהֲרָא"שׁ אַז אִיךְ הֶעלְף אֵיינֶעם פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס הָאט חוֹבוֹת וְכוּ', הָאט מִיר מוֹהֲרָא"שׁ גֶעזָאגְט: "יֶענֶער וֶועט זִיךְ אַן עֵצָה גֶעבְּן, דוּ זֶע אַז דִי יְשִׁיבָה און דִי הַדְפָּסָה זָאל אָנְגֵיין".

דָאס זָאג אִיךְ דִיר אוֹיךְ, זַיי מְחַזֵּק דִי בָּחוּרִים און דִי אִינְגֶעלַייט זָאלְן גֵיין נָאךְ גֶעלְט פַאר דִי יְשִׁיבָה, און אוֹיךְ דֶער חָתָן זָאל גֵיין נָאךְ גֶעלְט פַאר דִי יְשִׁיבָה; פוּן וואוּ זָאל אִיךְ הָאבּ גֶעהַאלְט דִיר צוּ צָאלְן? פוּן וואוּ זָאל אִיךְ נֶעמֶען רֶענְט צוּ בַּאצָאלְן פַאר דִי יְשִׁיבָה? דוּ זֶע מֶען זָאל גֵיין נָאךְ גֶעלְט פַאר דִי יְשִׁיבָה, אִיךְ זָאל נִישְׁט אוּנְטֶער בְּרֶעכְן.

וָואלְסְטוּ גֶעוואוּסְט וָואס פַאר אַן עוֹל עֶס לִיגְט אוֹיף מִיר, וָואלְסְטוּ נִישְׁט גֶעקֶענְט פַארְשְׁטֵיין ווִי קֶען זַיין אַז דֶער מֶענְטְשׁ קֶען שְׁרַייבְּן בְּרִיוו פוּן חִיזוּק און גֶעבְּן דְרָשׁוֹת פוּן חִיזוּק אָן דֶעם וָואס מֶען זָאל זֶען אַז דָא לִיגְט אַ לַאסְט פוּן שְׁוֶוערֶע טוֹיזְנְטֶער דָאלֶער גֶעהַאלְט וֶועכְנְטְלִיךְ פוּן אַמֶעריקֶע און פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

אִיךְ בֶּעט דִיר נָאכְאַמָאל, זַיי מְחַזֵּק דִי בָּחוּרִים און אִינְגֶעלַייט אַלֶע זָאלְן עוֹסֵק זַיין אִין גֵיין נָאךְ גֶעלְט פַאר דִי יְשִׁיבָה, פַאר דִי מוֹסְדוֹת, און דִי חֲתַנִים וָואס ווִילְן הֶעלְפְן זַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן און שְׁטֶעלְן צַאם גֶעלְט פַאר זֵייעֶר חֲתוּנָה זָאלְן אוֹיךְ הֶעלְפְן בַּאצָאלְן דִי גְרוֹיסֶע חוֹבוֹת וָואס דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן פוּן שְׂכַר לִימוּד.

אִיךְ בֶּענְק זִיךְ צוּ דִיר אוּן צוּ דִי בָּחוּרִים, אִיךְ וֶועל מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף קוּמֶען צוּ עֶנְק גְלַייךְ נָאךְ חֲנוּכָּה.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דַיין וַוייבּ הָאט בִּי. פִּי. דִי?

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, י״ח מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרַט קָטָן לְכָבוֹד ... **נֵרוֹ יָאִיר**

וואוּ הָאסְטוּ גֶעהֶערְט דִי נַייעֶ אוֹתִיּוֹת פוּן בִּי. פִּי. דִי? זָאג מִיר, וואוּ שְׁטֵייט אִין גְמָרָא דִי אוֹתִיּוֹת? בַּיי וֶועלְכֶע צַדִּיק הָאסְטוּ גֶעהֶערְט דִי זַאךְ? פַארְוָואס אַרוֹיפְלֵייגְן דִי עֶ. בִּי. סִי. אוֹיף דַיין וַוייבּ? פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט נֶעמֶען דִי וֶועג פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, דִי וֶועג וָואס מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶועְן פוּן מוֹהֲרָא״ש אַז אַ וַוייבּ דַארְף מֶען פְרֵיילִיךְ מַאכְן אוּן גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער? אוּן אַז זִי שְׁרֵייט אוּן זִי בְּלָאזְט זָאל מֶען ווייטֶער הֶעלְפְן אוּן ווייטֶער רֶעדְן מִיט לִיבְּשַׁאפְט; נִישְׁט אִיר אָפְּשְׁטֶעמְפְּלֶען מִיט עֶ. בִּי. סִי.

אַז דוּ וֶועסְט הֶעלְפְן דַיין וַוייבּ מִיט דִי שְׁטוּבּ אַרְבֶּעט, דוּ וֶועסְט אִיר גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער, דוּ וֶועסְט זִיךְ מִיט אִיר נִישְׁט טַעֲנָה׳ן וְכוּ׳ וְכוּ׳ - וֶועסְטוּ זֶען ווִי דִי אַלֶע עֶ. בִּי. סִי. מִיט דִי נוּמֶערְן וָואס מֶען לֶעבְּלְט מֶענְטְשְׁן - צֶעפַאלְן, דִי שְׁכִינָה וֶועט רוּעֶן אִין שְׁטוּבּ, אוּן אַלֶע בְּרָכוֹת וֶועלְן קוּמֶען צוּ דִיר.

זָאג דַיין וַוייבּ גוּטֶע וֶוערְטֶער, זָאג אִיר דוּ הָאסְט אִיר לִיבּ, הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא צוּ גֶעבְּן אַ גוּט וָוארְט, דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ וֶועט אוֹיפְשַׁיינֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**צוּזָאגְן טַייעֶרֶע מַתָּנוֹת פַאר מִשְׁנַיוֹת אוּן תְּהִלִּים?**

**שְׁאֵלָה:**

מֶען מֶעג אָנְרֵייצְן דִי קִינְדֶער אִין שְׁטוּב צוּ זָאגְן מִשְׁנַיוֹת אוּן תְּהִלִּים דוּרְךְ זֵיי צוּזָאגְן טַייעֶרֶע מַתָּנוֹת?

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה עֶנְטְפֶערְט:**

זִיכֶער

...

**אוֹיסְגֶעלָאשְׁן, אוֹיסְגֶעטְרִיקְנְט, צוּלִיב דַיין נֵייעֶם חַבֵר**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, י"ט מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

זַייט דוּ הָאסְט דַיין נֵייעֶם חַבֵר בִּיסְטוּ אַנְדֶערְשׁ גֶעוָוארְן, דַיין הִתְקָרְבוּת צוּם רֶבִּי'ן אִיז נִישְׁט וִוי אַמָאל; אִיךְ מֵיין עֶס אִיז שׁוֹין צַייט דוּ זָאלְסְט זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאלְסְט אַוֶועק וַוארְפְן דַיין חַבֵר וָואס פַּארְפִירְט דִיךְ, דַיין טֶעלֶעפָאן. אִיךְ גֶעדֶענְק דִיךְ יָארְן צוּרִיק וִוי פֵייעֶר דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען פַארְן רֶבִּי'ן, דַיין גֶעפִיל צוּם רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען וואוּנְדֶערְלִיךְ, אוּן הַיינְט זֶעסְטוּ מִיר אוֹיס אַזוֹי אוֹיסְגֶעלָאשְׁן, אוֹיסְגֶעטְרִיקְנְט, דָאס קוּמְט צוּ פַארְדַאנְקֶען דַיין נֵייעֶר חַבֵר דִי טֶעלֶעפָאן.

דִי צַדִּיקִים סַיי פוּן אוּנְזֶער דוֹר אוּן דִי צַדִּיקִים פוּן דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע דוֹר הָאבְּן אַלֶע גֶערֶעדְט פוּן דִי סַכָּנָה פוּן הָאבְּן אַ קָאמְפְּיוּטֶער, טֶעבְּלֶעט, סְמַארְטְפָאוֹן וְכַדוֹמֶה אָן אַ פִילְטֶער, מֶען קֶען שְׁרֶעקְלִיךְ אַרָאפְּפַאלְן רַחֲמָנָא לִצְלָן אוּן אַלֶעס פַארְלִירְן, אַזוֹיפִיל שְׁטִיבֶער זֶענֶען צֶעפַאלְן פוּן דֶעם, אוּן אַזוֹיפִיל קִינְדֶער זֶענֶען אַרָאפּ פוּן וֶועג צוּלִיב דִי כֵּלִים.

בֶּאֱמֶת הָאב אִיךְ דִיר גֶעוָואלְט שִׁיקְן דֶעם בְּרִיוו פֶּערְזֶענְלִיךְ, אִיךְ הָאב אָבֶּער גֶעטְרַאכְט אַז דוּ וֶועסְט וֶוערְן בַּאלֵיידִיגְט, דֶערִיבֶּער הָאב אִיךְ דָאס גֶעמַאכְט פַאר אַ כְּלָלִיּוּת'דִיגֶע בְּרִיוו אוּן גֶעלֵייגְט אִינֶעם קוּנְטְרֵס, אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֶפְשַׁר וֶועסְטוּ זִיךְ אָפְּשְׁטֶעלְן לֵיינֶען דִי בְּרִיוו, אָדֶער קוּקְן

שַׁבָּת אִינֶעם קוּנְטְרֵס אוּן נֶעמֶען דִי בְּרִיוו - פוּן אֵיין זַייט פֶּערְזֶענְלִיךְ אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט נִישְׁט וֶוערְן בַּאלֵיידִיגְט, וַוייל עֶס אִיז דָאךְ נִישְׁט פֶּערְזֶענְלִיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...